בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת כִּי תָבֹא

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**אויסשטעלן די קונטרסים לויט ווי דער עולם האט ליב.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת מטות מסעי, כ״ז תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

די בעסטע זאך איז אז יעדעס מאל ווען דו ווילסט מאכן א נייע דיזיין פאר א ספר, קונטרס, סידי וכדומה, זאלסטו פרעגן בחורים און אינגעלייט וואס זיי זאגן דערצו, און וואס רוב זאגן - אזוי זאלסטו טון.

מוהרא״ש האט מיר געזאגט, ווען ער האט אנגעפאנגען שרייבן קונטרסים האט ער עס געגעבן פאר בחורים צו ליינען, זיי זאלן אים זאגן צי עס איז גוט געשריבן, און מוהרא״ש האט מיר געפרעגט צי איך ווייס פארוואס ער האט דאס געטון? איך בין געבליבן שטיל און געווארט צו הערן פון מוהרא״ש, האט מיר מוהרא״ש געזאגט: ״איך שרייב דאך דאס פאר זיי, און אז זיי פארשטיין דאס נישט פארוואס זאל איך דאס ארויסגעבן?״ דאס זעלבע זאג איך דיר, יעדעס מאל דו מאכסט א נייע דיזיין פאר א סידי אדער קונטרס און מען האט אפאר אפציעס, איז כדאי זיך נאכצופרעגן ביי בחורים אדער אינגעלייט און הערן פון זיי וואס איז שענער און וואס כאפט מער דעם אויג.

מען ווערט נישט וויניגער חשוב ווען מען פרעגט א יונגערן מענטש, אזוי ווי די הלכה איז אז ווען מען האט א ספק אויף אן אות אין א ספר תורה, תפילין און מזוזה צי דאס איז א יו״ד אדער א וא״ו פרעגט מען א קליין אינגעלע, און ווי אזוי ער זאגט אזוי פסק׳ענט מען (טור אורח חיים, סימן לו), וועט איינער קומען זאגן: ״וואס ווייסט א קינד אנטקעגן א חשוב׳ער סופר?״ מיט דעם אלעם זעט מען אז מען פרעגט א קינד.

איך האף מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אז די סידי ״טאנץ מיט אמונה - 3״ וועט ארויס קומען פאר ראש השנה הבא עלינו לטובה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**מזל טוב צום יום הולדת.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת מטות מסעי, כ״ז תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אונזער טייערער ... הי״ו**

היינט איז א גרויסע טאג פאר דיר, עס איז היינט דיין ״יום הולדת״; דיין זיבעציגסטער יום הולדת.

זאל דיר אנקעגן קומען דיינע מעשים טובים פון אלע דיינע יארן, ווי דו ביסט זיך מוסר נפש צו העלפן אידישע קינדער, בפרט וואס דו ביסט עוסק אין די מצוה פון ״פדיון שבוים״, דו לייזט אויס יעדן טאג אידישע קינדער פון תפיסה.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פדיון שבוים, סימן ז): ״מִי שֶׁמְּרַחֵם עַל הַשְּׁבוּיִם״, ווער עס האט רחמנות אויף מענטשן וואס זיצן אין תפיסה, ״הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילוֹ מִמִּיתָה״, וועט אים דער אייבערשטער אפהיטן פון שטארבן; זאלסטו טאקע זוכה צו לעבן נאך לאנגע געזונטע יארן מיט דיין ווייב תחי׳.

נאך זאגט דער רבי (שם, חלק ב׳, סימן ט): ״הִשְׁתַּדְּלוּת בְּפִדְיוֹן שְׁבוּיִם מְסֻגָּל לְהוֹלָדָה״, דורך פדיון שבויים האט מען קינדער.

זאל דיר אקעגן קומען די זכותים אז דו זאלסט זוכה זיין אויפצוציען קינדער מיט דיין טייערער ווייב תחי׳ און זען נחת פון זיי.

...

~~~~~~~~~~~

**מיר גייען שוין נאכאמאל אויסשרייען: ״חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק״; די וויכטיגקייט צו לערנען יעדן טאג אביסל משניות און גמרא; דאס גרויסקייט פון טרעפן א נקודה חשובה ביי יעדן איד - בפרט א מלמד און עלטערן; א מענטש דארף האלטן פון זיך מיט זיין עבודת ה׳.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מטות מסעי, כ״ח תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

די וואך גייט צוויי סדרות - מטות און מסעי. דעם שבת ענדיגן מיר סדר במדבר און מען גייט שרייען: ״חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק״, וואויל איז דעם מענטש וואס לאזט זיך נישט נארן און ער לערנט יעדן טאג אביסל חומש רש״י, אזוי אז ביז סוף וואך ענדיגט ער די גאנצע פרשה.
~~~~~~~~~~~

זע צו לערנען יעדן טאג אביסל משניות וואס דאס וואשט אפ א מענטש פון אלע זיינע שלעכטע מעשים, ועל כולם זע צו לערנען יעדן טאג לכל הפחות א דף גמרא וואס דאס פארברענט אלע קליפות. עס איז נישט דא נאך א זאך פון וואס דער יצר הרע האט אזוי מורא ווי פון לימוד גמרא; ער וועט אלעס לאזן דעם מענטש טון - אבי נישט עפענען די גמרא.

היינט ביים שיעור גמרא האבן מיר ארום גערעדט וועגן דאס גרויסקייט צו טרעפן א נקודה חשובה ביי יעדן איד, אזוי ווי די גמרא רעכנט אויס (זבחים פט.): "כָּל הַמְקֻדָּשׁ מֵחֲבֵרוֹ קוֹדֵם אֶת חֲבֵרוֹ", מען טרעפט ביי יעדע זאך א צווייטע סארט נקודה חשובה, דם חטאת איז מכפר, אברי עולה איז כליל, און אזוי ווייטער; דאס ווייזט אונז אז מיר זאלן טרעפן אויף יעדן איינעם א מעלה.

בפרט א מלמד דארף זוכן אויף יעדע קינד א מעלה וואס דער קינד האט אין זיך מער פון א צווייטן; אזוי אויך ווען מען האט א שטוב מיט קינדער דארפן די עלטערן טרעפן אין יעדן קינד א דבר חשוב. ווייל ווי אזוי מען קוקט אויפן קינד אזוי וואקסן זיי אויף; אויב עלטערן האלטן נישט פון זייער קינד וועט דאס קינד נישט קענען וואקסן.

און אזוי אויך ביי זיך אליינס; מען דארף האלטן פון זיך, אזוי ווי מיר האבן געהאט אינעם היינטיגן שיעור פון נ"ך; עס שטייט ביי יהושפט המלך (דברי הימים-ב יז, ו): "וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'" ער האט געהאלטן פון זיין עבודת השם; פארדעם שטייט אז ער האט געהאט אסאך געלט און כבוד, זאגט דא דער פסוק אז נישט פון דעם האט ער געהאלטן, נאר ער האט געהאלטן פון זיך אז ער דינט דעם אייבערשטן. דער גר"א זאגט (שם): "כִּי הַמִּתְגָּאֶה בְּדַרְכֵי ה' מִתְאַמֵּץ לְהוֹסִיף כָּל פַּעַם", ווען א מענטש האלט פון זיך מיט דעם וואס ער דינט דעם אייבערשטן, וועט דאס אים צוברענגען צו דינען דעם אייבערשטן מער און מער.

דעריבער זאלסטו זיך זייער פרייען מיט יעדע נקודה וואס דו דינסט דעם אייבערשטן, אזוי וועסטו טון מער און מער גוטע זאכן.

...

~~~~~~~~~~

**מאכן גרייט די מזוזות פאר אומאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת מטות מסעי, כ"ח תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

איך האף אז דו וועסט האבן גרייט די מזוזות פאר ראש השנה; מיר דארפן האבן מזוזות פארן נייעם בנין אין אומאן וואו מיר וועלן ווייל אם ירצה ה׳ דעם קומענדיגן ראש השנה הבא עלינו לטובה.

איך האב דיר שוין געגעבן א חלק פון די געלט, זיי מיר מודיע וויפיל געלט איך קום דיר נאך פאר די מזוזות.

שטארק דיך און זיי נישט צעבראכן; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר. וואס דו דארפסט בעט נאר פון אים, וועסטו זען גרויסע ניסים.

...

~~~~~~~~~~~

**פאררעכטן די מחיצה ווי עס דארף צו זיין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מטות מסעי, כ״ח תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב גערעדט מיט דיר נעכטן וועגן פאררעכטן די מחיצה ביים סווימינג פול, יעצט זע איך אז דו האסט דאס נאך אלץ נישט פארראכטן; זעט אויס אז דו פארשטייסט נישט דעם חומר הענין.

איך וועל פארמאכן דעם סווימינג פול אז מען זאל נישט קענען גיין שווימען, ווי לאנג מען וועט פאררעכטן די מחיצה.

זאג נישט אז עס איז נאר א קליינע שפאלט און מען דארף זיך זייער אנשטרענגען אריין צו קוקן, ווייל עס איז באקאנט וואס דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו האט געזאגט ווען מען האט גע׳טענה׳ט מיט אים אז מען קען נישט אריין קוקן נאר ווער עס וויל וכו׳, האט ער געזאגט: ״אז מען קען אריין קוקן איז דא א נסיון אריין צו קוקן״.

איך זאג דיר יעצט נאכאמאל, אויב עס ווערט נישט פארראכטן שוין יעצט, וועט מען נישט נוצן דעם סווימינג פול.

דער אייבערשטער זאל אין אונז אריין לייגן א רוח טהרה מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (זכריה יג, ב): ״וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ״.

...

~~~~~~~~~~~

**הדרכות פאר א אידישע מאמע, און פאר גוטע קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מטות מסעי, כ״ח תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו און אויך דיין ווייב׳ס בריוו.

אויב דער דאקטער זאגט אז מען דארף גיין זיך אויסטשעקן ביי א קליניק פון ״הריון בסיכון גבוה״ - זאל זי גיין, אפילו דער דאקטער איז א מאן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלעס זאל אריבער גיין בשלום.

בנוגע צי זי קען פארן מיט די שולע אויף וויקעישן וכו׳; אודאי זאל זי פארן זיך אפרוען און הנאה האבן. זי ארבעט אזוי שווער א גאנץ יאר נאר דיר צו העלפן, אז דו זאלסט קענען לערנען - קומט איר זי זאל זיך אפרוען.

בנוגע צי זי זאל צוריק גיין ארבעטן וכו׳; זי זאל ווייטער אנהאלטן איר ארבעט אין שולע. דארט האט זי הנאה, סיפוק, וויניגער ארבעט און מען שעצט מער איר ארבעט ווי אין סעמינאר. מען צאלט טאקע וויניגער דארט, אבער זי וועט זיין מער צופרידן דארט - וואס דאס איז מער פון געלט. זי זאל נעמען די אפציע פון זיין א מחנכת לערערין אין שולע, בנוסף צו דעם, אויב זי וויל און זי האט כח קען זי זיין א פאך לערערין אין סעמינאר וכו׳.

בנוגע דיין זון, אז דער מלמד רופט אים בלשון גנאי וכו׳; גיי אריבער צום מלמד און בעט אים ער זאל נישט רופן דיין זון מיט אזא צו-נאמען. פראביר מיט שיינעם, אויב עס וועט נישט העלפן זאלסטו איבערדרייען דעם גאנצן מוסד ביז מען וועט עפעס טון דערוועגן, אז דער מלמד זאל נישט מאכן קיין צו-נעמען אויף קינדער. ווייל דער וואס איז מכנה שם לחבירו האט נישט קיין חלק לעולם הבא (רמב״ם פרק ג׳ מהלכות תשובה, הלכה יד); דאס איז גורם אז דאס קינד זאל אויף וואקסן א צעקלאפט קינד רחמנא לצלן.

געדענקסט דאך אודאי ווי מוהרא״ש פלעגט דערציילן אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: ״דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען צום אייבערשטן אז זי זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער״; דערפאר דארפן עלטערן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן זוכה זיין צו ערליכע און געזונטע קינדער.

מוהרא״ש פלעגט זאגן פאר אלע פרויען וואס ווארטן וכו׳ אז זיי זאלן יעדן טאג מזכיר זיין שמות הצדיקים, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, חלק ב׳, סימן כ): ״עַל יְדֵי

הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דורכ׳ן דערמאנען די נעמען פון צדיקים קען מען טוישן די טבע; דעריבער איז גוט מען זאל זאגן כסדר די נעמען פון די צדיקים וואס מען געדענקט אויסענווייניג, צום ביישפיל: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד און שלמה, רבי שמעון בר יוחאי, רבי יצחק לוריא אשכנזי, רבי ישראל בעל שם טוב, רבי נחמן בן פיגא מברסלב, רבי נתן מברסלב וכו׳ וכו׳, און נאך נעמען פון צדיקים וואס מען געדענקט, און נאכדעם זאל מען זאגן די תפילה: ״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִּי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**איבער דינגען א בעט אין אומאן ענדערש פריער ווי שפעטער; עס פאדערט זיך אסאך תפילה צו קענען זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן אויף ראש השנה; מתפלל זיין צוריק צו באקומען די געפילן און ווארימקייט צום הייליגן רבינ׳ס ראש השנה; דאס גרויסקייט פון זיין ביים רבי׳ן אויף ראש השנה.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מטות מסעי, כ״ט תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן לכבוד מיינע טייערע תלמידים שיחיו.**

איך בעט אייך זייער אויב איר קענט זיך אנשטרענגען און שוין ארויס נעמען א בעט אינעם נייעם בנין אין אומאן, ווייל מיר דארפן ענדיגן דעם בנין. עס ווערט נענטער און נענטער צו ראש השנה און עס איז דא נאך אסאך ארבעט אז מיר זאלן קענען זיין דארט אויפן קומענדיגן ראש השנה הבא עלינו לטובה.
~~~~~~~~~~~

אנשטאט דינגען דעם בעט ממש פאר ראש השנה, זאלט איר מיר דאס יאר טון א טובה און דאס שוין יעצט דינגען, כדי מען זאל קענען צו ענדיגן די ארבעט אז דער בנין זאל זיין גרייט אין צייט.

אזוי אויך וויל איך אייך דערמאנענ צו בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה; אין אומאן קען מען נאר אנקומען מיט אסאך תפילות, ווייל דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער שטארק אפצוהאלטן יעדן איינעם פון קומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה וואס אין דעם איז תלוי אלע תיקונים. ער מאכט פאר יעדן איינעם אנדערע סארט מניעות, ביי איינעם איז דער מניעה 'געלט' - ער האט נישט קיין געלט צו פארן; ביי איינעם איז די מניעה די ווייב; ביי איינעם די משפחה; און ביי איינעם דער מענטש אליינס - מען האט מער נישט קיין געפיל אין דעם.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מו): "וְדַע, שֶׁהַמְּנִיעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְכַיּוֹצֵא, וּלְכָל אֶחָד וְאֶחָד נִדְמֶה לוֹ שֶׁהַמְּנִיעוֹת שֶׁלּוֹ גְּדוֹלִים יוֹתֵר מִשֶּׁל חֲבֵרוֹ", יעדער מענטש גייט אריבער מניעות אין עבודת השם; צום ביישפיל ווען מען וויל פארן צום צדיק - גייט יעדער אריבער מניעות און יעדן איינעם דאכט זיך אז זיינע מניעות זענען שווערערע מניעות פון א צווייטן, "וְקָשֶׁה לַעֲמֹד בָּהֶם", און עס איז אים שווער צו ביישטיין זיין נסיון; "דַּע שֶׁלְּכָל אֶחָד אֵין לוֹ מְנִיעוֹת רַק כְּפִי כֹּחוֹ, כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל לָשֵׂאת וְלַעֲמֹד בָּהֶם אִם יִרְצֶה", זאלסטו וויסן - זאגט דער רבי - אז מען געבט נישט קיין מניעות פאר מענטש וואס ער קען נישט בייקומען, מען געבט יעדן איינעם מניעות נאר לויט זיינע כוחות; אויב גייסטו אריבער נסיונות דארפסטו וויסן אז דו קענסט דאס יא בייקומען, "וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם מְנִיעָה, כִּי גַּם בְּהַמְּנִיעָה בְּעַצְמָהּ מְלֻבָּשׁ שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווייל אז מען קוקט מיט אן אמת זעט מען אז עס איז נישט דא קיין שום מניעה, ווייל אין די מניעה אליינס איז באהאלטן דער אייבערשטער; ווער ברענגט די מניעה? ווער מאכט דו זאלסט נישט האבן געלט? אדער ווער איז גורם אז דיין ווייב, משפחה, וכו' - זאלן דיר שטערן? אלעס קומט פונעם אייבערשטן; ער שטעלט אראפ א נסיון ווייל ער וויל זען צו וועם דו ווענדסט זיך.

איין מניעה זאגט דער רבי איז יא א שווערע מניעה: "וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת - הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹ מֵהַצַּדִּיק", דער גרעסטער מניעה איז, ווען דער מענטש הייבט אן האבן קשיות אויפן אייבערשטן אדער אויפן צדיק, "זֹאת הַמְּנִיעָה מוֹנֵעַ אוֹתוֹ יוֹתֵר מִכָּל הַמְּנִיעוֹת", דאס איז דער גרעסטער צוריק האלט פארן מענטש צו ווערן אן ערליכער איד; ווייל כל זמן דער

מענטש ברענט צום אייבערשטן, מען האט א געפיל צום רבי'ן, מען וויל פארעכטן אלע שלעכטע מעשים און מען זוכט א תיקון אז מען זאל נישט פארווארפן ווערן פון די וועלט און יענע וועלט, אפילו דער מענטש זאל האבן מחלוקת מבית ומחוץ, אדער אנדערע שוועריקייטן, וועט ער זיך קריגן מיט די מניעה און עס בייקומען, אבער אז דער מענטש אליינס לעשט זיך אויס, ער פארלירט זיין אמונה, ער הייבט אן טראכטן: 'וואס דארף איך פארן קיין אומאן וכו'?' דאס איז דער גרעסטער מניעה. דער מענטש הייבט אן טראכטן: 'איך דארף נישט קיין תיקון', און עס שטערט אים שוין נישט וואס ער טוט, עס טוט אים מער נישט וויי ווי אזוי ער זעט אויס - דאס איז א שווערע מניעה.

זאגט דער רבי: "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב", די עצה אויף דעם איז שרייען צום אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ: **"הייליגער באשעפער וואס האט דא פאסירט מיט מיר?! אמאל פלעגט מיר וויי טון מיינע מעשים, אמאל האט מיר געבאדערט ווי אזוי איך זע אויס, איך פלעג פארן קיין אומאן מיט אזא אמונה אז דער רבי וועט מיר ווייזן דעם וועג צוריק צו קומען צו דיר, אבערליידער היינט איז מיר אלעס אויסגעלאשן; איך בין ווי א טויטער מענטש, א מת שפירט נישט די צער ווען מען שטעכט אים, אזוי אויך בין איך אזוי ווייט פון קדושה, איך שפיר נישט אז עפעס פעלט מיר"**; דאס איז די עצה ווען מען הייבט אן האבן קשיות אויף וואס צדיקים זאגן, "קֻשְׁיָא" איז די רָאשֵׁי תֵבוֹת: "שְׁמַע יְיָ קוֹלִי אֶקְרָא", "שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה", מען דארף וויינען און שרייען צום אייבערשטן ווען מען זעט אז עס זענען זיך מתגבר די קשיות און כפירות.

דערפאר זאלט איר שוין מאכן אסאך תפילות אז איר זאלט זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ראש השנה אין אומאן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", איך וואונדער זיך אויף מיינע תלמידים וואס גלייבן אין מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מעורר זיין מיינע מענטשן אז אלע זאלן קומען צו מיר אויף ראש השנה?! קיינער טאר נישט פעלן! "כִּי כָל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", און דער רבי האט געהייסן מען זאל מודיע זיין פאר אלע מענטשן וואס גלייבן אין אים, אז ער האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ

מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר, עיין שם.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**יעדער האט זיינע שווערע נסיונות**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש 600 דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

... טייערער, אויף דער וועלט פראבירט מען אויס יעדן איינעם מיט זיינע נסיונות; מען וויל זען צו וועם דער מענטש וועט זיך ווענדן בעת צרה.

שטארק דיך ווייטער בעבודתך הקדושה.

א יישר כח פאר מיר העלפן.

פון דיין ראש ישיבה וואס האט דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~

**דאנק דעם אייבערשטן, וועט ער דיר העלפן ווייטער**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש 218 דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

מיין טייערער ... נרו יאיר, שטארק דיך בעבודתך הקדושה; דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער האט געטון מיט דיר און וואס ער טוט מיט דיר יעצט, אזוי וועט ער דיר ווייטער מאכן ניסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

פון דיין ראש ישיבה

יואל בן ריצא רעכל

...

~~~~~~~~~~~

**די גרעסטע זאך איז צו העלפן א צווייטן איד.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת דברים, ה׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר מזרז זיין דו זאלסט ענדיגן דעם ״לוח ברסלב״ לשנת תשע״ט הבא עלינו לטובה.

די מפיצים זאגן אז פון חמשה עשר באב הייבן מענטשן אן בעטן דעם לוח פארן קומענדיגן יאר; א לוח נעמט יעדער איינער. דעריבער בעט איך דיר דו זאלסט מיר שיקן דעם לוח איך זאל דאס קענען מגיה זיין אז מען זאל דאס קענען דרוקן די וואך אין ישיבה.

שטארק דיך און גיי אן מיט דיין הייליגע ארבעט פון אויסשטעלן די ספרים עס זאל זיין גרייט צו דרוקן, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי עוסק זיין מקרב צו זיין אידישע קינדער זיי זאלן צוריק קומען צו האבן אמונה.

מוהרא״ש האט דערציילט, ווען דער הייליגער צדיק ר׳ יצחק מדראביטש זכותו יגן עלינו איז נפטר געווען איז אים רש״י הקדוש אנקעגן געקומען אויבן אין הימל און אים געפרעגט: ״וואספארא גוטע מעשים טוט אייערע זון ר׳ מיכעלע זלאטשובער, אז אויבן אין הימל מאכט מען אזא רעש פון אים?״ האט דער טאטע ר׳ יצחק מדראביטש געענפערט: ״ער לייגט אריין כוחות אין דאווענען וכו׳״, האט אים רש״י הקדוש געזאגט: ״פאר דעם אליינס וואלט מען נישט געמאכט אזא רעש דא אין הימל פון אים; אסאך צדיקים לייגן אריין כוחות אינעם דאווענען און מען מאכט נישט אזא גרויסע עסק פון זיי״, האט דער טאטע ר׳ יצחק מדראביטש געזאגט: ״ער לערנט זייער פלייסיג״, האט אים רש״י הקדוש געענפערט: ״דאס קען אויך נישט זיין די סיבה, ווייל אסאך צדיקים לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, און פאר דעם אליינס רעש׳ט זיך נאך נישט״, האט ער געזאגט: ״צוליב זיין חסד און צדקה וכו׳״, האט רש״י נאך אלץ נישט מסכים געווען, ביז ר׳ יצחק מדראביטש האט אים געזאגט: ״אפשר ווייל ער ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן? ער איז עוסק אין דעם זייער שטארק״, האט רש״י הקדוש געזאגט: ״היינו דאהני ליה, יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס עס רעש׳ט זיך פון אים״.

איך ווארט צו באקומען די לוח וואס שנעלער.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**נישטא אזא זאך שפילן א געים מיט א פרעמדע פרוי**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת דברים, ד׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש 40 דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

וויסן זאלסטו אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי שפילן א געים מיט א פרעמדע פרוי; ווער עס שפילט א געים מיט א פרעמדע פרוי - איז א מנוול; עס מאכט נישט אויס אויב זי איז א שוועגערין וכו׳.

דו האסטו חתונה געהאט זאלסטו שפילן מיט דיין ווייב, און נאר מיט איר זאלסטו פארברענגען.

זע צו זאגן אסאך משניות; דאס וועט דיר אויסקלארן דיין מח אז דו זאלסט וויסן ווי אזוי צו לעבן אויף דער וועלט און אין די זעלבע צייט זיין דבוק אינעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**הנהגות פאר די מיידלעך אין די ניין טעג**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת דברים, ה׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳, מנהלת בית חינוך לבנות ״בית פיגא״ ברסלב.**

יעצט אין די טעג ווען מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש איז נישט כדאי אז די מיידלעך זאלן גיין אויף טריפס, אויך זאל מען נישט ברענגען יעצט די וואסער סליידס, נאר ענדערש זאל מען ווארטן אויף נאך תשעה באב.

ברוך ה׳ אז נאך א תלמידה איז א כלה געווארן בשעה טובה ומוצלחת; עס איז א שמחה פאר אונז אלע צו זען ווי שיין די קינדער וואקסן אויף, מען גרייט זיי אן וואס די לעבן איז, ביז מען מאכט זיי חתונה.

איך האף צום אייבערשטן אז עס וועט זיין דעם זומער נאך אפאר כלות פון אונזער סקול.

מיר ווילן מחנך זיין אונזערע קינדער אזוי ווי די תורה לערנט אונז, אזוי ווי מוהרא״ש האט שטענדיג גע׳חזר׳ט - אז בחורים און מיידלעך דארפן חתונה האבן וואס

יונגער; דאס איז די איינציגסטע וועג ווי אזוי מיר קענען ראטעווען אונזערע דורות, אז די קינדער זאלן בלייבן ערליכע אידן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פונעם פינסטערן גלות, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ביאת משיח במהרה בימינו.

...

~~~~~~~~~~

**פארוואס זאלסטו זיך נישט מער אריבערכאפן קיין יבנאל?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת דברים, ה׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן פון דיר אז דו האסט מסיים געווען די פערטע מאל ששה סדרי משנה, און דו האסט געמאכט דעם סיום ביים ציון פון מוהרא״ש זכרונו לברכה, זאלסט טאקע האבן גע׳פועל׳ט אלעס גוטס. מוהרא״ש האט צוגעזאגט אז עס ווער עס וועט קומען צו זיין ציון מתפלל זיין וועט זען גרויסע ישועות, ווערסטו בודאי זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט דיר מאכן.

עס איז טאקע א פלא אז דו כאפסט זיך נישט אריבער יעדע שטיק צייט קיין יבניאל. עס נעמט נישט קיין פיר שעה צו פארן פון ירושלים קיין יבניאל; עס נעמט נישט מער ווי צוויי שעה צו פארן פון ירושלים קיין יבניאל. בפרט אז דיין גאנצע חיות קומט פון דעם צדיק; דער צדיק האט דיר מזכה געווען מיט אזוי פיל תורה, מיט אזוי פיל אמונה וכו׳ וכו׳, פארוואס זאלסטו זיך נישט אריבער כאפן לכל הפחות איין מאל א וואך צו זיין ציון?

די ציון אין יבניאל איז א וואונדערליכע פלאץ, מען באקומט דארט א מורא׳דיגע התעוררות לתשובה, אזוי ווי מוהרא״ש שרייבט אין די צוואה (סימן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אזוי ווי ביי מיין לעבן זענען מענטשן נתעורר געווארן דורך מיר תשובה צו טון, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אזוי אויך נאכדעם וואס איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט, און מען וועט קומען צו מיין קבר, וועט מען אויך תשובה טון, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", איך וועל נישט רוען ביז איך וועל פועל׳ן פאר דעם מענטש וואס איז געקומען צו מיר א ישועה.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט אויפגעראכטן ווערן בקרוב ממש; זאלסט ארויס גיין פון אלע דיינע חובות און זוכה זיין תשובה צו טון באמת.

...

~~~~~~~~~~

**ווי שיין איז צו דינען דעם אייבערשטן אין קעמפ**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש 204 דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב זייער הנאה דא אין קעמפ; א גאנץ יארווארט איך שוין צו קענען זיצן דא אויפן פעלד לערנען און דאווענען בקדושה ובטהרה, אוועק פון די שמוציגע גאס.

איך דאנק דיר פארן אהער שטעלן אזא שיינע קעמפ.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**א נאמען נאך א צדיק האט א גרויסע השפעה, יישר כח פאר'ן העלפן די כולל**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת דברים, ה' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מזל טוב פאר דיין אליעזר שלמה נרו יאיר; דער אייבערשטער זאל העלפן אז זה הקטן גדול יהי', וכשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים און ער זאל אויס וואקסן א גרויסער צדיק.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ז:): "שְׁמָא גָּרִים", א נאמען האט א גרויסע השפעה אויפן מענטש. דער הייליגער רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט (נועם אלימלך, במדבר): עס זענען דא דריי זאכן וואס זענען גורם אז דער מענטש זאל זיין א צדיק, אויב דער מענטש איז געווען א צדיק אין פריערדיגן גלגול וועט דאס אים העלפן ער זאל אין יעצטיגן גלגול אויך זיין א צדיק, אויב דער מענטש האט זכות אבות, און דריטנס אויב דער מענטש טראגט די נאמען פון א צדיק; איז אז דו האסט געגעבן א נאמען נאך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וועט דער נאמען זיכער האבן א השפעה אויף אים ער זאל גיין אין זיינע וועגן.

א גרויסן יישר כח פארן גיין נאך געלט פאר אונזער כולל; איך האב דיר שוין געשריבן אז די כולל איז מיר א מתנה פונעם אייבערשטן פארן זיך דערהאלטן צען יאר מיט די ישיבה. יעצט זוממער תשע"ח ענדיגן מיר גאנצע צען יאר פון ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה; אז איך וועל נאר וועלן אנהייבן שרייבן וואס איז אלץ אריבער אויף אונז די צען יאר - וועל איך נישט ענדיגן. אביסל האסטו מיט געהאלטן, אבער דאס איז נאך גארנישט וואס מיר זענען אריבער, ובזכות דעם וואס מיר האבן נישט אפגעלאזט די הייליגע ארבעט האט דער אייבערשטער געהאלפן אז מיר האבן זוכה געווען צו עפענען א כולל וואו עס זיצן חשוב'ע אינגעלייט און לערנען בהתמדה רבה וואס איז נישט צו געפונען.

בזכות דעם וואס דו העלפסט מיר איך זאל קענען באצאלן צייטליך זאל דיר דער אייבערשטער העלפן דו זאלסט אויך האבן שפע און הצלחה.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות הצלחה, סימן טז): "הַצְלָחָה בָּא, לְמִי שֶׁמַּאֲכִיל תַּלְמִיד-חָכָם עַל שֻׁלְחָנוֹ", אז מען געבט צו עסן פאר תלמידי חכמים ווערט מען האבן הצלחה.

די כולל אינגעלייט לערנען זייער פלייסיג; איך האב זייער הנאה יעדעס מאל ווען איך גיי צו זיי און שמועס מיט זיי אין לערנען.

איך וויל זייער שטארק אז דעם קומענדיגן יאר זאל מען ארויף גיין מיט די געהאלט פאר די אינגעלייט; איך האף אז דו וועסט מיר העלפן און דו וועסט גיין נאך געלט אז מיר זאלן נישט אריין פאלן אין חובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## גיי נישט אין גוי'אישע געשעפטן

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד תלמידי היקר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש 130 דאללער; בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

טייערער ... נרו יאיר, פארוואס גייסטו אין גוי'אישע געשעפטן וואו מען קען זיך נישט היטן די אויגן?!
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א מתנה א טייערע ווייב תחי' קענסטו דאך יעצט זוכה זיין צו א ריינעם מח, פארוואס זאלסטו זיך זוכן נסיונות וכו'?!

אויב דו דארפסט עפעס פון די גרויסע געשעפטן זאלסטו בעטן א צווייטן זאל דיר דאס קויפן, אדער נעם מיט דיין ווייב, אבער דו זאלסטו חס ושלום נישט אריין גיין דארט בשעת אלעס איז אויסגעלאסן רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

### א אידישע מאמע דארף זיך זייער דערהאלטן

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת דברים, ה' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בעט אייך זייער, לאזט אייך נישט צעברעכן פונעם יצר הרע; דער יצר הרע פארגינט אייך פשוט נישט. איר האט א שיינע לעבן, א וואוילער מאן מיט לעכטיגע קינדער, ער וויל דאס אייך אוועק נעמען, ער וויל אייך אומגליקליך מאכן.

עס איז א נארמאלע זאך אז א אידישע מאמע זאל ווערן איבער געשטרענגט; דערפאר זאלט איר זיך נישט אראפקלאפן ווען איר זעט אז איר האט נישט קיין כח וכו'. יעדע אידישע פרוי וואס האט קליינע קינדערלעך ווערט איבער געשטרענגט און שפירט יעדן טאג ווי זי פאלט פון די כוחות, דער פראבלעם איז, אז מען מיינט אז מען האט א פראבלעם, מען זעט נישט וואס טוט זיך אפ אין אנדערע הייזער.

דאס אליינס אז מען טראכט א גאנצן טאג: 'איך האב א פראבלעם', דאס מאכט נאך די מערסטע אנגעצויגן - מען איז אנגעצויגן אויף דעם אז מען איז אנגעצויגן, ביז דער מענטש ווערט טאקע א פראבלעם.

אויב איר פארלירט זיך אז איר האט געשריגן אויף אייער מאן און קינדער, זאלט איר נישט ווערן דעפרעסט פון דעם און זיך קלאפן: "איך בין נישט געזונט"; "איך בין נישט נארמאל", נאר איר זאלט אנהייבן פון דאסניי; פארגעסט וואס איז געווען און זיך נישט אראפ קלאפן.

מען טאר זיך נישט ארום דרייען מיט א שולד געפיל אויפן פארגאנגענהייט, נאר שטענדיג פארגעסן וואס עס איז געווען און אנהייבן פון פריש; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן,
~~~~~~~~~~

סימן כו): "ביי די וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א מעלה", מענטשן רעדן זיך אפ אז זיי האבן נישט קיין גוטע זכרון, זיי פארגעסן וואס עס איז געווען, מען מיינט אז דאס איז א חסרון, אבער עס איז פארקערט, עס איז נאר א מעלה, ווייל ווען עס וואלט ווען נישט געווען שכחה וואלט מען נישט געקענט דינען דעם אייבערשטן, ווייל מען וואלט נישט אויפגעהערט צו טראכטן פונעם פארגאנגענהייט, פון אלע דורכפעלער און אלע פראבלעמען וואס מען איז דורך, און דאס וואלט געמאכט אז דער מענטש זאל נישט וועלן נאכאמאל פרובירן צו זיין אן ערליכער איד, אבער יעצט אז עס איז דא שכחה, קען מען זיך באנייען און אנהייבן פון דאסניי.

וויסן זאלט איר אז מען קען אלעס פועל'ן מיט תפילה; בעטס דעם אייבערשטן אויף אידיש: **"רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות! איך ווייס נישט וואס צו טון מיט מיר, איך ווער זייער שנעל גערעגט אויף מיין מאן. איך שריי אויף אים, איך שריי אויף מיינע קינדער, און נאכדעם ווער איך גערעגט אויף מיר אליינס, איך קען זיך נישט ליידן. איך שפיר ווי איך האלט עס מער נישט אויס; איך בין נישט רואיג, און איך בין נישט פרייליך.**

**הייליגער באשעפער, איך וויל נישט מיין מאן זאל אוועקלויפן פון מיר און מיר איבערלאזן מיט מיינע קינדער; העלף מיר איך זאל זיין פרייליך און איך זאל זיך נישט אויפרעגן. הייליגער באשעפער, איך האב נישט קיין כח, איך שפיר ווי איך פאל פון מיינע כוחות. יעדן טאג מאך איך אפ צו זיין א ווואילע ווייב און א ווואילע מאמע, אבער איך ווער שנעל אויפגערעגט".**

אזוי זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן; האטס נישט מורא צו וויינען צום אייבערשטן. יעדע טרער וואס מען פארגיסט צום אייבערשטן ווערט אוועק געלייגט אויבן אין הימל, דער אייבערשטער נעמט דאס אן און שיקט ישועות פארן מענטש.

איך וועל ענק העלפן; איך האב זיך אזוי פיל אוועק גענעבן פאר ענק, וועל איך נישט לאזן אז דער יצר הרע זאל צעברעכן אייער שטוב.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**זיך דערהאלטן אין אלע אומשטענדן; אויף פרנסה דארף מען זיך ווענדן צום אייבערשטן; די מעלה פון זיין זומער צווישן די גראז; די מהודר'דיגע מקוה אינעם נייעם בנין אין אומאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת דברים, ו' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו דערהאלסט זיך. אפילו עס גייט אריבער אויף דיר שווערע צייטן, זאלסטו זיך דערהאלטן; געדענק אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט. עס איז נישט דא קיין פערצופאל, עס איז נישט דא קיין טבע, מקרה, מזל, נאר אלעס פירט דער אייבערשטער.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ארבעטן ארבעט מען פאר די עבירות, געלט געבט דער אייבערשטער"; אז מען האט נישט קיין פרנסה, מען קען נישט דעקן דאס לעבן, דארף מען זיך ווענדן צום אייבערשטן און ער וועט געבן פרנסה.

איך בין יעצט זוממער אין קעמפ צווישן די גראז און ביימער, וואס דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קסג): "עס איז גוט צו זיין צווישן זיי"; עס איז שוין אריבער א האלבע זוממער, נאך אפאר וואכן קומען מיר אהיים און מען פארט גלייך צום רבי'ן.

נעכטן איז געווען דער רב - הרב ... שליט"א, ביים גיסן די מקוה אין אומאן; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר ועלן קענען זיין צוזאמען ביים רבי'ן ראש השנה, זיך מחי' זיין און מחזק זיין מיט די עצות פונעם רבי'ן.

איך דאנק דיר פארן נעמען א חלק אינעם בנין אין אומאן.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן אזוי שיין ארויסהעלפן אין די מוסדות**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת דברים, ו' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו דאנקען פארן מיר ראטעווען אז די מוסד זאל נישט צעזאמפאלן; זייט איר זענט אריין געקומען אין אפיס האט זיך אלעס מסדר געווען.
~~~~~~~~~~~

יעדן טאג פרעג איך מו"ה ... נרו יאיר: "וואס טוט זיך אין אפיס?" יעדעס מאל ענטפערט ער מיר די זעלבע ווערטער: "זייט מרת ... תחי' האט איבער גענומען די אפיס איז אלעס אין פלאץ; אלעס איז מסודר, אלעס גייט צייטליך, יעדע טשעק האט דעקונג, מען צאלט די מלמדים און טיטשערס, און אלעס איז מסודר פאר אן אינספעקשן".

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן איר זאלט האבן נחת פון אייערע ליכטיגע קינדער, בזכות די אלע תורה תפילה און מעשים טובים וואס קומט ארויס פון דעם פלאץ.

אויך אייער מאן הר"ר ... נרו יאיר איז מיר ממש א שליח פון הימל, ווי ער העלפט ארויס מיט יעדע פרט און פרט.

א גרויסן יישר כח.

...

~~~~~~~~~~

**געבן צו עסן פאר אידן בדרך כבוד.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת דברים, ו' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט ווייטער טון דיינע גוטע מעשים, דאס אויסטיילן עסן פאר משפחות ביי אונז אין די קהילה וואס האבן נישט אויף שבת צו מאכן.

יעצט הייבט זיך אן נאכאמאל די חתונות, וויל איך דיר מחזק זיין דו זאלסט ווייטער ארום גיין צוזאמנעמען פון די זאלן די איבעריגע עסן, און דאס אויסטיילן פאר אנשי שלומינו הנצרכים.

וואויל איז דיר אז דו טיילסט אויס די עסן בדרך כבוד; דו טיילסט פאר אלעמען אייניג - סיי פאר די וואס האבן נישט, און סיי פאר די וואס האבן יא, אזוי שעמט מען זיך נישט צו קומען נעמען עסן פאר שבת און פאר די גאנצע וואך.

מוהרא"ש האט גע׳עפנט א "בית התבשיל" אין יבניאל ווייל עס זענען דא ביי אנשי שלומינו משפחות וואס האבן נישט וואס צו געבן פאר די קינדער פאר נאכטמאל; מוהרא"ש האט געבעטן אז אלע משפחות זאלן קומען עסן אינעם בית התבשיל אזוי וועט זיך קיינער נישט שעמען צו נעמען. ווייל ווען מען געבט צדקה דארף מען זייער אכטונג געבן אז קיינער זאל זיך נישט פארשעמען.
~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פארן צוזאמנעמען די אינגעלייט בײנאכט זיי זאלן קומען העלפן דרוקן די ספרים און קונטרסים וואס זענען מחי' און מחזק טויזנטער אידישע קינדער. יעצט זומער ווען די אינגעלייט זענען אין שטאט און זייערע ווייבער זענען אין קאנטרי איז דאס זייער א גוטע זאך אז די אינגעלייט זאלן נישט גיין ליידיג בײנאכט און פארברענען די נעכט מיט נארישקייטן; אשריך ואשרי חלקך אז דו נוצט אויס די נעכט צו דרוקן די הייליגע ספרים.

איך דאנק דיר פארן העלפן די מוסד מיט די שטאטישע פראגראמען; דו לייגסט אריין דיין גאנצע הארץ אז מיר זאלן נישט זינקען אין חובות.

הלוואי זאלן נאך אינגעלייט זיין אזוי געטריי פארן מוסד ווי דו ביסט, הלוואי זאלן נאך אינגעלייט טראכטן: 'וואס קען איך טון אז די מוסד זאל זיך נישט מוטשען, וואס קען איך טון אז מען זאל קענען באצאלן די מלמדים און טישטערס זיי זאלן האבן א רואיגקייט ווען זיי לערנען מיט אונזערע קינדער'.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער מיט דיין ווייב תחי' צוזאמען, און דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## די גרויסקייט און חשיבות פון א מלמד.

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת דברים, ו' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו לערנסט תורה מיט תינוקות של בית רבן; א מלמד איז זייער א חשוב'ע זאך, אזוי ווייט אז א מלמד טראגט דעם זעלבן טיטל וואס מיר זאגן אויפן אייבערשטן כביכול: "הַ'מְלַמֵּד' תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל".

אלע עלטערן זענען זייער צופרידן פון דיין ארבעט; די קינדער קומען אהיים מלא וגדוש מיט יראת שמים, אינדערפרי לויפן זיי מיט א חשק און ברען אין חדר, און זיי האבן זייער ליב צו גיין אין חדר; דאס איז דער עיקר וואס א מלמד דארף זען - אז די קינדער זאלן ליב האבן צו גיין אין חדר. אויב די קינדער גייען אן חשק, אן א געשמאק דאן איז זייער שווער מען זאל קענען אריין לייגן אין זיי אהבת השם יתברך, און אז קינדער האבן ליב צו גיין אין חדר איז א סימן אז דער מלמד איז א גוטער מלמד.
~~~~~~~~~~

שטארק דיר טייערער ...! וואויל איז דיר אז דו באשעפטיגסט זיך טאג און נאכט מיט די הייליגע ארבעט - אריין צו לייגן אין קינדער אמונה ויראת שמים; עס איז טאקע א שווערע ארבעט צו זיין א מלמד. מען דארף האבן געדולד ווי הלל הזקן, ווייל יעדעס קינד איז א וועלט פאר זיך, יעדעס קינד קומט פון אן אנדערע סארט שטוב, און אלע קומען מיט זייערע קטנות וכו', מיט דעם אלעם דארף מען אבער געדענקען אז יעדער איינער מוטשעט זיך בזה העולם, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיט): יעדער מענטש לײדט יסורים, און עס איז נישט דא קיינער וואס זאל נישט האבן קיין יסורים וכו'; אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פול מיט יסורים, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, דאס גאנצע לעבן איז ווייניג און אנגעפולט מיט ווייטאג, און שלמה המלך זאגט אונז (קהלת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פול מיט כעס און ווייטאג; עס איז נישט דא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן - נאר צום אייבערשטן און צו די תורה. מען דארף נעמען דעם 'עָמָל' וואס עס שטייט: 'אָדָם לְעָמָל יוּלָּד', און עס אריין לייגן אין די תורה (ברכות יז.): 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה'.

דעריבער וויל איך דיר שטארקן דו זאלסט ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז און זאלסט נישט קוקן וואס גייט אריבער אויף דיר; לייג דעם 'זיך' אין די זייט, דו זוך נאר ווי דו קענסט מחזק זיין און אריין לייגן אין נאך א קינד אמונה ויראת שמים. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קיט): "עס איז זייער א גרויסע מדריגה ווען א מענטש זעט אז ער איז נישט מצליח אין עבודת השם ער זאל טראכטן: 'אז איך קען נישט זיין אן ערליכער איד, זאל כאטש א צווייטער זיין אן ערליכער איד'"; און דאס דארף א מלמד זאגן צו זיך: 'אפילו איך זע אויס ווי אזוי איך זע אויס, וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט וכו', דאך וועל איך אוועק געבן מיין לעבן פאר א צווייטן איד, און איך וועל אריין לייגן אין קינדער די ריינע אמונה און יראת שמים'.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין מיט די תלמידים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**פאררעכטן די עבירה פון שנאת חינם; שטיין ווייט פון מחלוקת.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת דברים, ז' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

יעצט ווען מיר שטייען אין די טעג וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, וואס דאס איז געקומען צוליב שנאת חינם (יומא ט:), דארפן מיר פאררעכטן אונזערע מעשים בין אדם לחבירו. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא סט:): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", די עבירה איז נאך אלץ צווישן אונז; מיר דארפן אכטונג געבן אויף א צווייטנס געפילן, און טראכטן פאר מען זאגט ארויס א ווארט פון מויל.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ויקרא רבה לג, ב): רבינו הקדוש האט אמאל געמאכט א סעודה פאר זיינע תלמידים, ביי די סעודה האט מען געגעבן צינג פלייש, עס איז געווען ווייכע צינג און הארטע צינג, ווען רבינו הקדוש האט געזען ווי די תלמידים זוכן צו נעמען די ווייכע צינג און נישט די הארטע, האט ער זיי געזאגט: "אזוי ווי איר זוכט גוטע און ווייכע צינג, איר נעמט נישט די הארטע צינג, אזוי זאלט איר נוצן אייער צינג פון מויל נאר צו רעדן גוט און שיין איינער צום צווייטן, און נישט רעדן שלעכט".

מיר לערנען יעצט אין ישיבה מסכת תענית; מיר האבן געלערנט די וואך וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ח.): אויפן פסוק (קהלת י, יא): "אִם יִשֹּׁךְ הַנָּחָשׁ בְּלוֹא לָחַשׁ, וְאֵין יִתְרוֹן לְבַעַל הַלָּשׁוֹן", ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע חיות גיין צום שלאנג און אים פארהאלטן: "מיר האבן פארציקט אנדערע חיות ווען מיר זענען געווען הונגעריג און מיר האבן זיי אויפגעגעסן, מיר האבן כאטש א תירוץ פארוואס מיר האבן עס געטון, אבער דו שלאנג, פארוואס האסטו געביסן מענטשן און זיי פאר'סמ'ט, דו האסט דאך גארנישט פון דעם?!" ווייל א שלאנג שפירט אין יעדע זאך א טעם פון ערד - ער האט גארנישט פון דעם; וועט דער שלאנג ענטפערן: "וְאֵין יִתְרוֹן לְבַעַל הַלָּשׁוֹן", וואס ווילט איר פון מיר, בעסער גייט פרעגן דעם 'בעל הלשון' - דער וואס רעדט לשון הרע, דער וואס רעדט שלעכטס אויף א צווייטן - וואספארא הנאה האט ער פון דעם?!

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג וויינען אויף מחלוקת, ער פלעגט זאגן: "דער גאנצער גלות איז אז עס איז דא פירודים צווישן אידישע קינדער"; די אשכנזים ווילן נישט די ספרדים, און צווישן זיך איז מען אויך צעריסן און צעשלאגן וכו' וכו', אזוי אויך ביי די ספרדים, צווישן זיך האט מען זיך פיינט איינער דעם אנדערן. מוהרא"ש פלעגט זאגן: "מיר זענען אלע אויף איין שיף, די אומות העולם מאכן לעכער אינעם שיף און ווילן אונז חס ושלום דערטרענקען, דארפן מיר זיך העלפן איינער דעם אנדערן".

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דאס באוויזן אין יבניאל, אז מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם אנדערן אפילו מען שטאמט נישט פונעם זעלבן אפשטאם. אויך ראש השנה אין אומאןביים הייליגן רבינ'ס קיבוץ האט מוהרא"ש געמאכט אז סיי אשכנז'ישע אידן און סיי ספרד'ישע אידן פון אלע עדות זאלן קענען דאווענען אונטער איין דאך. מוהרא"ש זכרונו לברכה האט מיר מכבד געווען צו זיין בעל תפילה און מיר געבעטן אז איך זאל זינגען די ספרד'ישע פיוטים; דאס איז געווען א מחזה הוד צו זען ווי אלע זיצן צוזאמען, די ספרד'ישע אידן זיצן און הערן ווי מיר זאגן אונזערע שטיקלעך ביים דאווענען - 'ונתנה תוקף', 'לקל עורך דין', 'וכל מאמינים', וואס דאס איז זייער חשוב ביי אונז, און מיר פלעגן אויסהערן ווי די ספרד'ישע אידן זינגען זייער שטיקלעך, ווי למשל: 'עת שערי רצון', 'בחצוצרות וקול שופר', וואס דאס איז ביי זיי אזוי ווי ביי אונז 'ונתנה תוקף'.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (ספורי מעשיות, מעשה יג, מהז' בעטלערס): "עס איז דא א בוים וואס אונטער יענעם בוים וואוינען אלע סארט חיות, אויך אלע פייגלעך האבן זייערע נעסטן אויף יענעם בוים, און דער תענוג וואס דארט איז דא איז עד אין שיעור"; אזוי ווי עס שטייט ווען משיח וועט קומען (ישעיהו יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דער וואלף מיטן לעמעלע דער לעמפערט מיטן ציגעלע וועלן זיצן צוזאמען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", א יונגע קאלב מיט א יונגע לייב וועלן גיין צוזאמען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דער קוה מיטן בער וועלן צוזאמען פאשענען, דער לייב וועט עסן שטרוי צוזאמען מיט די בהמות, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קינדער וועלן זיך שפילן מיט גיפטיגע שלענג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קיינער וועט נישט שטערן דעם צווייטן און קיינער וועט נישט שלעכטס טון פארן צווייטן, ווייל עס וועט זיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אלע וועלן וויסן פונעם אייבערשטן, מען וועט לעבן מיט אמונה.

דער בוים - דאס איז דער צדיק, אזוי ווי עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון נב): "עֵץ דָא צַדִּיק", דער צדיק ווערט אנגערופן א בוים; אזוי ווי מיר זעען ביי משה רבינו, ווען ער האט געשיקט די מרגלים קיין ארץ ישראל האט ער זיי געזאגט זיי זאלן קוקן (במדבר יג, כ): "הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן", זאגט רש"י (שם): "אִם יֵשׁ אָדָם כָּשֵׁר לְהָגֵן עֲלֵיהֶם", זיי זאלן קוקן אויב עס געפונט זיך אין ארץ ישראל אן ערליכער איד וואס קען מגין זיין אויף זיי; ביים צדיק איז דא פלאץ פאר אלעמען. ווען מען קומט קיין אומאן צום רבינ'ס קיבוץ, קען מען זען ווי אזוי עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. עס קומען זיך צוזאמען אלע

סארט מענטשן, אלע סארט חיות און פייגל, און קיינער קוקט נישט אויפן צווייטן מיט א ביטול, קיינער האלט זיך נישט גרעסער פונעם צווייטן, ווייל ווען מען קומט צום רבי'ן באקומט מען שפלות.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עב) דער עיקר וואס מען איז מקבל פונעם צדיק איז שפלות; ווען מען קומט צום צדיק הייבט מען אן שפירן א בושה, מען שעמט זיך פונעם אייבערשטן, מען הייבט אן זען וואס מען האט אלץ געטון. דאס איז איינע פון די סימנים מיט וואס דער מענטש קען זיך מעסטן זיין שייכות צום הייליגן רבי'ן, ווייל אויב מען איז מבטל יעדען איינעם, מען שפעט פון א צווייטן, מען איז פארנומען מיטן "איך"; "נאר איך ווייס דעם אמת", "נאר מיר וויסן דעם אמת", "אלע אנדערע מענטשן זענען נישט ביים אמת" - איז א סימן אז מען איז נאך זייער ווייט פונעם צדיק.

מוהרא"ש ברענגט אין די צוואה (צוואת מוהרא"ש, אות טו): "וְהַסִּימָן מִי הוּא מְפוּרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר בֵּין צַדִּיק אֲמִתִּי", וואס איז דער סימן צווישן א מנהיג של שקר און אן אמת'ער צדיק? "אוֹמֵר רַבֵּינוּ זַ"ל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב): אִם נוֹפֵל עַל הָאָדָם שִׁפְלוּת, וּמַרְגִּישׁ אֶת עַצְמוֹ כִּי הוּא הֲכִי גָּרוּעַ, סִימָן שֶׁהוּא מְקוֹרָב אֶל צַדִּיק אֲמִיתִּי", אויב עס פאלט ארויף אויפן מענטש א שפלות, ער הייבט אן שפירן ביי זיך אז ער איז נאך זייער ווייט פונעם אייבערשטן, דאס איז א סימן אז ער איז מקורב צום אמת'ן צדיק, "אֲבָל אִם נִכְנַס בּוֹ גֵּיאוּת וְיֵשׁוּת וּמַחְזִיק עַצְמוֹ יוֹתֵר מֵאֲחֵרִים, וְאֵיךְ שֶׁרַק הוּא נִמְצָא בְּאֱמֶת וְלֹא אֲחֵרִים, סִימָן שֶׁהוּא נִמְצָא אֵצֶל מְפוּרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר, וּצְרִיכִין לִבְרֹחַ מִשָּׁם", אבער אויב גייט אריין אין אים גאווה, ער האלט זיך מער פון א צווייטן, ער זאגט אז 'דער אמת איז נאר דארט וואו איך געפון זיך און נישט ביי א צווייטן', איז א סימן איז ער געפונט זיך ביי א מנהיג של שקר, און מען דארף וואס שנעלער אוועק לויפן פון דארט, "כִּי עִיקַר הַגְּדוּלָּה שֶׁמְּקַבְּלִין מִצַּדִּיק אֱמֶת זֶה שִׁפְלוּת", ווייל דער עיקר גרויסקייט וואס מען באקומען פונעם צדיק איז "שִׁפְלוּת".

דערפאר, יעצט ווען מיר שטייען אין די טעג וואס מיר קלאגן אויפן חורבן הבית, דארפן מיר זיך פארנעמען צו ליב האבן א צווייטן איד. מען דארף אסאך וויינען צום אייבערשטן מען זאל פאררעכטן די שלעכטע מידות, און ארויסגיין פון די שלעכטע תאוות פון נצחון, מחלוקת און מלחמה.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א, סימן עה): "דְּהִנֵּה, יֵשׁ מִדַּת נִצָּחוֹן וּמַחֲלֹקֶת וּמִלְחָמָה, וּמֵהֵיכָן בָּא מִדָּה זוֹ? מִדָּמִים שֶׁעֲדַיִן לֹא עָבַד בָּהֶם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", די מידות פון נצחון, מחלוקת און מלחמות קומט פון די הייסע בלוט וואס דער מענטש האט נאך נישט אויסגעארבעט, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְבַטֵּל מִדַּת הַנִּצָּחוֹן וְהַמַּחֲלֹקֶת, וְלִרְדֹּף אַחַר

הַשָּׁלוֹם", מען דארף אויסארבעטן די בלוט עס זאל זיין ריין פון די אלע תאוות, "וְזֶה זוֹכִין עַל יְדֵי שֶׁיְּדַבֵּר הַרְבֵּה בְּתוֹרָה וּתְפִילָּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְשָׁלוֹם", דורך תורה און תפילה ווערט דער מענטש אויסגעארבעט פון די אלע שלעכטע תאוות, מען הערט אויף זיך צו קריגן מיט א צווייטן און מען לעבט בשלום מיט יעדן איינעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ליב האבן יעדן איינעם און זיך נישט קריגן מיט קיינעם, ווייל פון מחלוקת קומט נישט ארויס קיין גוטס פאר קיינעם. בפרט אין שטוב צווישן מאן און ווייב דארף מען זייער אכטונג געבן מען זאל זיך נישט קריגן.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן קו): "הַמַּחֲלֹקֶת זֶה סִימָן רָע לְבָנִים", אז עס איז דא מחלוקת איז נישט גוט פאר די קינדער, "וְשָׁלוֹם זֶה סִימָן טוֹב לְבָנִים", און ווען עס איז דא שלום צווישן מאן און ווייב איז גוט פאר די קינדער; קינדער גייען צוגרינד ווען די עלטערן קריגן זיך, זיי וואקסן אויף מיט פחדים וכו'.

אויך גייט דאס ארויף בכלליות אויף מחלוקת; ווען מען מישט אריין קינדער אין מחלוקת - דעמאלט "הַמַּחֲלֹקֶת - זֶה סִימָן רָע לְבָנִים", איז נישט גוט פאר די קינדער, אבער אז מען געבט אכטונג אז קינדער זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט מחלוקת, דעמאלט "וְשָׁלוֹם - זֶה סִימָן טוֹב לְבָנִים", וואקסן זיי אויף געזונט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט מחלוקת, נאר מיר זאלן זיין בשלום מיט אלעמען.

...

~~~~~~~~~~

**מ'דארף מיטהאלטן משפחה שמחות אפילו ווען ס'נישט באקוועם.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת דברים, ז' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אוודאי זאלסטו גיין צו די באווארפן פון דיין ברודער; א משפחה שמחה דארף מען מיט האלטן, אפילו מען איז נישט באקוועם וכו'.

אז דו וועסט זיך אויפפירן מיט דרך ארץ וועסטו מאכן א שיינע נאמען פארן רבי'ן; דיינע עלטערן וועלן זיך פרייען אז דו האלסט מיט אלע משפחה שמחות, וועסטו זיך נאך איינקויפן דעם זכות פון מחי' זיין טאטע מאמע.
~~~~~~~~~~

בכלל איז א וואונדער פארוואס עס דארף דיר באדערן אריין צו גיין ביי זיי אין בית המדרש, זיי זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן, ווייל דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אויף מיר קריגן זיי נישט, זיי קריגן אויף דעם וואס מען זאגט אויף אים די אלע לשון הרע'ס - אויף אים דארף מען טאקע קריגן, און אויף אים קריג איך אויך. נאך האט דער רבי געזאגט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִּישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אויף אים קריג איך אויך.

אונזער ארבעט איז אראפ צו נעמען דעם שלעכטן נאמען וואס עס איז דא אויפן הייליגן רבי'ן און אויף תלמידי היכל הקודש; מיר דארפן טון אלעס וואס מיר קענען אז מען זאל ארויף קוקן א ברסלב'ער חסיד, מען זאל וויסן אז ברסלב'ע חסידים זענען די צדיקים פון אונזער דור.

מיר דארפן פאלגן וואס דער רבי זאגט (ספר המדות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", מיר דארפן זיך אויפפירן מיט דרך ארץ אז אלע זאלן זען וואס דער רבי לערנט מיט זיינע תלמידים.

דיין ווייב זאל פאסטן תשעה באב ביינאכט, און אינדערפרי ווען זי שטייט אויף קען זי עסן (עיין שאלות ותשובות שבות יעקב חלק ג, סימן לז).

פרויען מאכן נישט קיין הבדלה; זאל דיין ווייב עסן אן הבדלה און זונטאג נאכט ווען דו וועסט אויספאסטן וועט זי הערן הבדלה פון דיר (משנת יעקב, אורח חיים סימן תקנ"ו).

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין ארויסצוגיין פון דעם פינסטערן גלות מיט משיח צדקינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~

מ'קען פועל'ן ביי א ווייב נאר מיט געדולד און סבלנות.

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת דברים, ז' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן פון דיר און איך בענק מיר אויך זייער נאך דיר; איך האף דיר צו זען ראש השנה אין אומאן.
~~~~~~~~~~

בנוגע אז דיין ווייב געבט נישט אכטונג צו צודעקן איר האר וכו׳; אמת טאקע אז האר דארף זיין צוגעדעקט און עס איז זייער הארב אז האר זאל זיך ארויס זען, אבער אויב די פרוי פארשטייט דאס נישט, זי איז אויפגעוואקסן אן דעם וואס זי זאל באקומען א חינוך אויף דעם, דארף מען זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי צו רעדן פון דעם אז מען זאל נישט ערגער מאכן וכו׳.

דו שרייבסט מיר אז ווען דו זאגסט איר וועגן איר האר זאגט זי דיר: "הער אויף משוגע מאכן וועגן די האר", און דו בעסט מיר אן עצה ווי אזוי דו קענסט איר מסביר זיין דער חומר הענין.

וויסן זאלסטו טייערער ליבער ...: בזה העולם דארף מען האבן אסאך סבלנות; מען קען נישט ארויפצווינגען קיין שום זאך אויפן ווייב, מען דארף אריין לייגן אסאך ליבשאפט אין שטוב און האבן אסאך סבלנות ביז מען פועל׳ט, דעריבער בעט איך דיר מיין טייערער ..., געב איר אסאך ליבשאפט ווי אויך גוטע ווערטער און הער אויס אירע ווייטאגן וואס זי איז אריבער.

רעד נישט צו איר פון איר האר; דו בעט דעם אייבערשטן ער זאל מאכן א נס מיט דיר אז דיין ווייב זאל אכטונג געבן צו גיין אינגאנצן צוגעדעקט, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן. טשעפע נישט דיין ווייב וועגן דעם וואס זי דעקט זיך נישט צי אינגאנצן איר האר; עס איז טאקע א הארבע זאך אז די האר זאל זיך נישט ארויסזען, עס איז נישט עפעס א חומרא וכו׳ אדער עפעס א חסידי׳שע זאך וכו׳, נאר אויב א פרוי דעקט נישט צו איר האר באקומט זי א גט על פי תורה, און דער זוהר הקדוש שעלט א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, אז דאס ברענגט צרות, עניות און דחקות וכו׳ וכו׳. אבער מען דארף וויסן ווי אזוי מען רעדט צו א ווייב וועגן דעם ענין.

בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג:

"רבונו של עולם, איך בעט דיר זייער, לייג אריין א הייליגקייט אין מיין ווייב זי זאל אכטונג געבן אז איר האר זאל זיין צוגעדעקט אינגאנצן; איך האב זייער מורא פון דאס וואס שטייט אין זוהר הקדוש (נשא קכה.) אויף א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, זי איז גורם עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, אזוי אויך איז זי גורם אז דער ס"מ זאל זיין אין איר שטוב.

הייליגער באשעפער, יעדעס מאל איך רעד צו מיין ווייב וועגן אירע האר ווערט זי ברוגז אויף מיר און זי וויל נישט הערן וואס איך זאג איר. איך ווייס נישט וואס צו טון, ווייל פון איין זייט וויל איך איר נישט וויי טון, איך וויל לעבן מיט איר בשלום און מיט

**ליבשאפט, אבער פון דער אנדערע זייט וויל איך טון דיין ווילן און איך וויל אויפשטעלן א שטוב מיט ערליכע קינדער.**

**הייליגער באשעפער זי טוט עס נישט פון שלעכטיקייט, זי ווייסט פשוט נישט די הארבקייט דערפון. טאטע זיסער, "אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת", דו געבסט פארשטאנד פאר אלעמען, געב מיר א וועג ווי אזוי איך זאל קענען רעדן מיט איר, זי זאל פארשטיין דאס הארבקייט".**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו אליינס זאלסט זיך אויך פארבעסערן אין אלע דיינע וועגן, ווייל אז דו וועסט זיין אן ערליכער איד און דו וועסט האבן יראת שמים וועט דיין ווייב דיר אויסהערן; אזוי זאגן אונזערע הייליגע חכמים (ברכות ו:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין", יעדער מענטש וואס האט יראת שמים ווערן זיינע רייד אנגענומען; אז דו וועסט ארבעטן אויף דיר, וועט דיין ווייב אננעמען דיינע ווערטער און איר וועט לעבן א שיינע לעבן באהבה ואחוה ושלום וריעות.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

מנהגים פון תשעה באב.

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת דברים, ז' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וועל דיר שרייבן אונזערע מנהגים פון תשעה באב.

מיר פירן זיך צו ליינען מגילת איכה ביינאכט, און אויך אינדערפרי כמנהג הגר"א.

וויבאלד תשעה באב איז א תענית דרבנן און עס הייבט זיך שוין אן פון פארנאכטס, דארף מען נישטווארטן אויף צוויי און זיבעציג, מען קען שוין דאווענען מעריב ביים זמן פון די גאונים און נאכדעם אויספאסטן.

א פרוי וואס ווארט וכו' אדער זייגט וכו' זאל פרעגן א שאלה צי זי דארף פאסטן, מען קען נישט מאכן אין דעם א כלל.

בנוגע לערנען שיעורים כסדרן; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט זיך געפירט נאכמיטאג נאך מנחה צו לערנען די שיעורים כסדרן. אזוי אויך האט מוהרא"ש מיר געזאגט אז איך זאל זאגן פאר די בחורים אז מען קען לערנען פון נאך מנחה אלע שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג.
~~~~~~~~~~

ווען תשעה באב געפאלט אום שבת - אזוי ווי היי יאר, מאכט מען נישט הבדלה מוצאי שבת אויף וויין, מען מאכט בלויז די ברכה "בורא מאורי האש". די פרויען און קינדער וואס פאסטן נישט תשעה באב, עסן אן הבדלה, און זיי הערן הבדלה מוצאי תשעה באב פון די מענער (משנת יעקב, אורח חיים סימן תקנ"ו).

דער עיקר דארף מען אכטונג געבן זיך נישט ארום צו דרייען ליידיג, און נישט זיצן מיט מענטשן וואס מאכן ליצנות און רעדן דברים בטלים, מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו צוקומען צו שחוק וקלות ראש, און נישט פארגעסן אז מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש וכו'.

די בעסטע זאך איז צו גיין שלאפן, כדי נישט צו פארברענגען די צייט.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון שבת חזון; תשובה הייבט זיך אן מיטן היטן די אויגן; אום שבת הייבן מיר אן א נייעם מחזור אין תנ"ך; דאס גרויסקייט און תועלת פון לערנען נ"ך; ווען מיר קלאגן אויפן חורבן בית המקדש קלאגן מיר אויף אונזער חורבן; די הארבקייט פון זיך נישט היטן די אויגן, וויפיל דארפן מיר וויינען דערויף; אונזערע מנהגים אום תשעה באב.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק פרשת דברים-חזון, ח' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר גייען יעצט אריין אין זייער א גרויסער שבת - שבת חזון; דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "ווער עס האט הייליגע אויגן קען זען שבת חזון ווי דער בית המקדש השלישי בויעט זיך אויף"; דארפן מיר זייער אכטונג געבן מיר זאלן האבן ריינע אויגן.

מוהרא"ש ברענגט בשם דעם הייליגן צדיק רבי מרדכי מלעכעוויטש זכותו יגן עלינו, אז די ערשטע זאך ווען א מענטש וויל תשובה טון, דארף ער זיך היטן זיינע אויגן; מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק (צפניה ג, כ): "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם - לְעֵינֵיכֶם", ווען איר טוט תשובה - זאלט איר אנהייבן מיט די אויגן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דער יצר הרע הייבט זיך אן ביי די אויגן, אבער אז מען היט די אויגן איז מען זוכה צו א ריינע מח און צו אלע גוטע זאכן.
~~~~~~~~~~~

היינט האבן מיר מסיים געווען גאנץ נביאים וכתובים און מארגן - שבת קודש - הייבן מיר אן נאכאמאל נ"ך; אז מען לערנט יעדן טאג צוויי קאפיטלעך איז מען מסיים יעדעס יאר גאנץ נ"ך.

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "נ"ך איז מיין מוסר ספר"; ווייל ווען מען לערנט נ"ך זעט מען וואס פאסירט ווען מען גייט אוועק פון די תורה. יעדע מאל וואס די אידן זענען געגאנגען בדרך התורה האבן זיי מצליח געווען; קיינער פון די פעלקער האבן נישט געטשעפט און מען האט באזיגט אלע מלחמות, אבער ווען מען איז אוועק געגאנגען פון די תורה איז מען גלייך אונטערטעניגט געווארן אונטער די פעלקער, און מען האט פארלוירן די מלחמות וכו' וכו', ביז מען האט תשובה געטון.

אזוי אויך זעט מען ווען מען לערנט נ"ך, אז ווען די אידן האבן געהאט א צדיק זענען זיי געווען ערליך, און ווען דער צדיק איז נפטר געווארן זענען זיי צוריק געפאלן, ביז זיי האבן באקומען נאך א צדיק וואס זאל זיי ווייזן די וועג צום אייבערשטן.

אויך לערנט מען זיך ארויס פון נ"ך, אז ווען עס איז געווען שלעכט פאר די אידן, א רשע איז געקומען און געוואלט שלעכטס טון, האבן זיי געשריגן צום אייבערשטער און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן. נאכדעם האבן זיי ווייטער פארגעסן פונעם אייבערשטער האט זיי דער אייבערשטער נאכאמאל געשיקט א רשע זאל קומען מלחמה האלטן מיט זיי, און ווען זיי האבן ווידער איינגעזען אז זיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן האבן זיי נאכאמאל תשובה געטון; פון דעם קען זיך יעדער מענטש לערנען וואס ער האט צו טון ווען ער האט חס ושלום א צרה.

עס איז באוואוסט דעם גאנצן סיפור ווי אזוי דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה איז נסתלק געווארן. עס איז געווען אין אן ערב שבת, עשרה בטבת. אפאר שעה פאר זיין הסתלקות האט ער געבעטן ר' נחמן - ר' עוזר'ס זון - ער זאל אים ברענגען 'כל טוב', און ר' נחמן האט נישט פארשטאנען וואס ר' נתן מיינט, וואס איז דאס 'כל טוב'? האט אים ר' נתן געזאגט ער זאל אים ברענגען א נ"ך - דאס איז געווען ביי ר' נתן 'כל טוב'; דער הייליגער רבי נתן האט דאס גערופן 'כל טוב'. ווייל אז מען מאכט זיך א שיעור און נ"ך - יעדן טאג א קאפיטל אדער צוויי, האט מען אלעס גוטס. מען זעט וואס מען האט צו טון ווען מען האט א צרה, אז עס איז דא איין אדרעס וואו זיך צו ווענדן: נאר צום אייבערשטן.

מיר פירן זיך צו ליינען מגילת איכה ביינאכט און אויך אינדערפרי. מוצאי שבת גייען מיר ליינען מגילת איכה; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן סז) אז ווען מען קלאגט אויפן חורבן בית המקדש וויינט מען נישט אז אמאל איז געווען א חורבן, נאר

מען וויינט אויפן הייניטיגן חורבן, אז מיר זענען חרוב ונחרב, מיר זענען ווייט פונעם אייבערשטן און מיר זענען אזוי שטארק אריין געטון אין אונזערע תאוות רחמנא לצלן.

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן (שיחות הר"ן, סימן רסח): "ווען דו זאגסט תיקון חצות זאלסטו זיך אינזינען האבן; "אֵיכָה נֶחֱרַב הָאוּלָם", רבונו של עולם איך בין אינגאנצן חרוב ונחרב, "עַד אָן יִצְעַק בַּשְּׁבִי", ווי לאנג נאך וועל זיין אין געפענגעניש ביים יצר הרע וכו'?!"

מיר קלאגן אויף אונזער חורבן אז מיר זענען אזוי פארזינקען אין אונזערע שלעכטע מעשים; מיר וויינען בשעת'ן זאגן די קינות אויף אונזערע אויגן וואס מיר היטן נישט (איכה א, טז): "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אויף דעם וויין איך רבונו של עולם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אויף מיינע אויגן וואס איך היט נישט; איך קוק עבירות, וואס דאס איז גורם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אז איך זאל זיך דערווייטערן פונם צדיק וואס ער איז "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", און איך פאל אראפ אין פגם הברית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", איך זינדיג בהוצאת זרע לבטלה, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", ווייל דער יצר הרע שטארקט זיך אויף מיר; אלעס צוליב עֵינִי עֵינִי, אז מיינע אויגן זענען נישט ריין.

אויף דעם דארפן מיר גיסן טייכן טרערן צום אייבערשטן, אז מיר זאלן היטן אונזערע אויגן, ווייל אלע צרות וואס קומען אויפן מענטש איז נאר ווייל מען היט זיך נישט די אויגן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז ווען דער חזון איש זכרונו לברכה איז געווען א אינגערמאן און ער פלעגט גיין אין שול פלעגט ער זאגן בדרך צחות: "לאמיר שפילן "בלינדע קאטשקע"; בינד מיר ארום מיינע אויגן און פירט מיר צום שול"; מען האט נישט געוואוסט פארוואס ער מאכט דאס, זיינע ארומיגע האבן געמיינט אז ער וויל זיך אונטער האלטן, אבער זיין כוונה איז געווען נאר זיך צו היטן זיינע אויגן. יעדע מאל האט ער געהאט אן אנדערע וועג ווי אזוי זיך צו היטן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה כ:): "אָמְרוּ עָלָיו עַל מַלְאַךְ הַמָּוֶת, שֶׁכֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דער מלאך המות איז אנגעפילט מיט אויגן, ווען ער קומט צום מענטש ווערט דער מענטש זייער דערשראקן און אזוי נעמט ער אוועק דעם מענטש פון דער וועלט; וואס זענען די אלע אויגן וואס דער מלאך המות האט אויף זיך? ברענגט דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו בשם זיין רבי'ן, דער גאון וקדוש ר' נתן אדלער זכר צדיק לברכה (חתם סופר בראשית, הקדמה) אז דאס זענען אלע הסתכלות אסורות, אלע שלעכטע קוקן וואס דער מענטש האט געקוקט, די אלע אויגן נעמט דער מלאך המות און ער קומט צום מענטש און ער הרג'ט אים, ווייל עס איז נישט דא נאך אזא זאך וואס זאל הרג'נען דעם

מענטש ווי נישט היטן די אויגן. מיט דעם טייטשט ער וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן פרייטאג צו נאכטס: "וִישֵׁזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִּישָׁא וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנֹּם", אז מיר וועלן נישט האבן קיין עינא בישא, מיר וועלן היטן די אויגן וועלן מיר נישט מורא האבן פונעם שווערד פונעם מלאך המות און מיר וועלן נישט האבן אנקומען אין גיהנום; זעט מען אז אלעס הייבט זיך אן מיט די אויגן.

בנוגע לערנען שיעורים כסדרן תשעה באב; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט זיך געפירט נאכמיטאג נאך מנחה צו לערנען די שיעורים כסדרן, און מוהרא"ש האט מיר געזאגט איך זאל זאגן פאר די בחורים אז מען קען לערנען פון נאך מנחה אלע שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין ארויס גיין פון אונזער גלות בכלליות און בפרטיות - יעדער איינער פון זיין פריוואטע גלות, מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן א גאנצע טאג, דעמאלט וועט זיין כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֶּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו".

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## דארף מען זיך עקש׳ענען, אדער זיך פארלאזן אויפ׳ן אייבערשטן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די שיעורים וואס זענען ממש כמים קרים על נפש עיפה. לעצטנס האב איך געהערט ביי א שיעור אז דעם אייבערשטן דארף מען מוטשען און פגע'ן, אזוי ווי א קליין קינד קאפעט און פארפירט ביז ער באקומט וואס ער דארף. פון די אנדערע זייט זינגט איר דעם ניגון "זאל זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל", אז מ'דארף זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און ווען נאר וואס דער אייבערשטער וויל. ווי אזוי ארבעטן די צוויי זאכן צוזאמען? דארף מען זיך עקשנ'ען, אדער זיך איבערגעבן צום אייבערשטן?

אויך האב איך געהערט ביי א שיעור אז דער ענין פון שידוכים ליגט אינגאנצן נאר אין די הענט פונעם אייבערשטן. מיינט דאס צו זאגן אז מ'דארף בכלל גארנישט טון קיין השתדלות פאר שידוכים, נאר זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן?

מרדכי

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת מטות מסעי, כ״ז תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד מרדכי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיך עקשנ׳ען ביים אייבערשטן איז נישט קיין סתירה מיטן זיך איבערגעבן צום אייבערשטן; ווען א מענטש האט א צרה דארף ער בעטן, וויינען און שרייען צום אייבערשטן ער זאל אים שיקן א ישועה. אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אכטונג געבן נישט צו דוחק זיין את השעה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סד.): ״כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ״, ווער עס עקשנ׳ט זיך - ער זאגט ׳עס מוז יעצט געשען דאס און דאס׳ - דער ווערט ווערן זייער אנטוישט און צעבראכן.

חכמינו הקדושים זאגן (ברכות לב:): ״אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל״, אויב א מענטש זעט אז ער בעט דעם אייבערשטן אויף א זאך און ער האט עס נישט באקומען, זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים כז, יד): ״קַוֵּה אֶל ה׳, חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה׳״; ווייל אז מען עקש׳נט זיך איין מיט תפילה, מען הערט נישט אויף בעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל, דאן זעט מען גרויסע ישועות.

מיט דעם אלעם דארף מען וויסן וואס די הייליגע חכמים זאגן (ברכות לב:): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ וּמְעַיֵּין בָּהּ סוֹף בָּא לִידֵי כְאֵב לֵב", ווער עס זאגט: 'איך בעט אזוי סאך דעם אייבערשטן און איך זע נאך נישט קיין ישועה', דער באקומט הארץ ווייטאג, אזוי ווי עס שטייט (משלי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת מְמוּשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב", אזוי ווי רש"י זאגט (שם, דבור המתחיל "ומעיין בה"): "מְצַפֶּה שֶׁתֵּעָשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ עַל יְדֵי הַאֲרִכָתוֹ, סוֹף שֶׁאֵינָהּ נַעֲשֵׂית, וְנִמְצֵאת תּוֹחֶלֶת מְמֻשֶּׁכֶת חִינָם, וְהִיא כְּאֵב לֵב כְּשֶׁאָדָם מְצַפֶּה וְאֵין תַּאֲוָתוֹ בָּאָה"; עיין שם.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וכו'", א מענטש טאר זיך נישט איינ'עקשנ'ען ביים אייבערשטן אז דער אייבערשטער מוז מיט אים טון אזוי ווי ער וויל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נאר מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מיט רחמנות, אזוי ווי מען בעט זיך ביי איינעם ער זאל רחמנות האבן; אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן איז גוט, און אז ער וועט אים נישט נאך געבן איז נישט. מיט דעם טייטשט דער רבי וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קבע איז א לשון פון גזילה, אזוי ווי עס שטייט (משלי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", ווען מען בעט דעם אייבערשטן אויף פרנסה, אויף קינדער אדער אנדערע געבעטן, טאר מען זיך נישט איינ'עקשנ'ען אז עס מוז זיין אזוי ווי ער וויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

ווען מען רעדט צום אייבערשטן דארף מען זיין זייער שטארק נישט צו ווערן מייאוש ווען מען זעט ווי עס גייט אריבער אסאך צייט און מען באקומט נישט וואס מען בעט; מען דארף האבן אסאך סבלנות אויסצוווארטן אויף די ישועה פונעם אייבערשטן, און ווייטער מתפלל זיין צו אים ער זאל רחמנות האבן און שיקן די ישועה.

וואויל איז דעם וואס פאלגט דעם רבי'ן; ער איז זיך מתבודד יעדן טאג, ער רעדט צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך און דערציילט אים אלעס וואס דרוקט אים, און ער ווייסט אז עס איז דא נאר איין אדרעס פאר אלע פראבלעמען וואס גייט אריבער - דער הייליגער באשעפער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## פארוואס שפירן זיך די פרויען ווי צווייט קלאסיג?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן פארוואס ביי אידן שפירן זיך די פרויען ווי צווייט קלאסיג, אזוי ווי זיי זענען דא בלויז צו באדינען די מענער, און צושטעלן קינדער?

איך וועל איך זיך פרייען אויב איר וועט דאס מיר ערקלערן.

יישר כח.

## תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת מטות מסעי, כ״ז תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דאס וואס איר שרייבט אז ביי אידן זענען די פרויען צווייט-קלאסיג וכו׳ - איז נישט אמת, נאר עס איז פונקט פארקערט; ביי אידן זענען די פרויען ערשט קלאסיג, אזוי ווי מיר זעען אין די תורה אז ווען משה רבינו איז ארויף אויפן בארג סיני נעמען די תורה פאר די אידן, האט דער אייבערשטער אים געזאגט ער זאל קודם גיין צו די פרויען און נאכדעם צו די מענער, אזוי ווי עס שטייט (שמות יט, ג): ״כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל״, ״בית יעקב״ דאס זענען די פרויען ״בני ישראל״ דאס זענען די מענער; פארוואס האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו ער זאל קודם רעדן צו די פרויען און ערשט נאכדעם צו די מענער? ווייל אלעס איז אנגעהאנגען אין די פרוי; אז די פרוי פירט זיך ערליך וועלן איר מאן און קינדער אויך זיין ערליך, און אז די פרוי פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין וועלן אירע קינדער נישט אויסוואקסן ערליכע אידן.

ביי ערליכע אידן איז די פרוי די קרוין פון די משפחה; שלמה המלך זאגט (משלי יב, ד): ״אֵשֶׁת חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ״, א וואוילע פרוי איז ווי א קרוין פארן מאן, זי איז א כבוד פאר די גאנצע משפחה, ״וּכְרָקָב בְּעַצְמוֹתָיו מְבִישָׁה״, און א פרוי וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין איז ווי א פארפוילטע ביין, אלע שעמען זיך מיט איר; ווייל די גאנצע משפחה, די מאן און די קינדער אלע זענען אנגעהאנגען אין די פרוי.

איך ווייס נישט וואו איר האט באקומען די הרגשה אז פרויען זענען צווייט-קלאסיג, אבער אין ברסלב לערנט מען פונקט דאס פארקערטע. דער הייליגער רבי האט זייער געהאלטן פון די תמימות וואס פרויען האבן, ער האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן לג): ״אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה

הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", ביי די וועלט איז אמונה א קלייניקייט, אבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה אן קיין חקירות און אן קיין חכמות, נאר פשוט אזוי ווי פרויען און פשוט'ע מענטשן גלייבן; פרויען האבן אין זיך א מורא'דיגע תמימות, דערפאר זענען זיי נענטער צום אייבערשטן, ווייל ווי מער מען פירט זיך בתמימות ובפשיטות אלץ מער רעדט מען צום אייבערשטן.

מען האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אזא דיבור: "ווען משיח וועט קומען וועט מען מבטל זיין אלע ווייבער שולן", האט דער רבי געזאגט: "עס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין אז דער בעל שם טוב האט דאס געזאגט; פונקט פארקערט! משיח וועט קומען בזכות די תפילות פון אידישע פרויען וואס זיי דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען"; זעט מען פון דעם ווי שטארק דער רבי האט געהאלטן פון די תפילות פון פרויען.

איך ווייס נישט וואס מאכט אייך טראכטן אז פרויען זענען צווייט-קלאסיג; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות יז.) "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דער אייבערשטער האט צוגעזאגט שכר פאר פרויען מער ווי פאר די מענער, ווייל אין זייער זכות איז דא תורה ביי כלל ישראל; די פרויען שיקן די קינדער אין חדר לערנען תורה אוןווארטן אפ זייערע מענער ווען זיי קומען אהיים פון לערנען תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

### אונזער קשר איז נישט גוט, וואס טוט מען?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך לעב גוט מיט מיין מאן, ער איז זייער וואויל צו מיר, ער איז א גוטער מאן, איך האב אבער א פראבלעם בדברים שבינו לבינה, און דאס שטערט אונזער קשר, און ס'ווערט נאר ערגער.

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת מטות מסעי, כ"ח תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**
~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

רוב פראבלעמען וואס מאכן זיך צווישן מאן און ווייב קומט ווייל מען לערנט מיט חתנים און כלות פאלשע לימודים. די אלע וואס לערנען מיט חתנים און כלות פרושות און חומרות - זענען עתיד ליתן את הדין; די אלע חומרות האבן נישט קיין שום מקור אין שלחן ערוך, און דאס ברענגט צו אז מען זאל זיך נישט פארשטיין וכו׳ ביז עס ווערט חס ושלום א גט.

עס איז דא אסאך צו שרייבן אין די ענינים, אבער עס איז זייער שווער צו שרייבן פון דעם מפני הצניעות; די בעסטע זאך וואלט געווען אז איר זאלט זיך פארבינדן מיט אן ערליכע פרוי וואס וועט אייך לערנען ווי אזוי צו לעבן מיט א מאן אן קיין חומרות. זי וועט אייך ווייזן ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געלעבט מיט זייערע ווייבער באהבה ואחוה ושלום וריעות, נישט ווי מען פארקויפט פאר אינגעלייט און ווייבלעך.

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער און אונז שיקן אמת׳ע מנהיגים וואס זאלן אונז מדריך זיין מיט די הייליגע תורה, ביז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דעם ביטערן גלות בכלליות, און בפרטיות - יעדער איינער פון זיין אייגענע גלות.

...

~~~~~~~~~~

### דער מח פליעט מיר אוועק ביים דאווענען, ווי אזוי געב איך זיך אן עצה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט א יישר כח פאר די ענטפער און חיזוק וועגן זיך האלטן צו א קבלה, דער בריוו האט מיר זייער מחזק געווען.

יעצט האב געוואלט פרעגן ווי אזוי מ'געבט זיך אן עצה מיט די מחשבות וואס לאזן נישט צורוה, בעיקר ביים לערנען און דאווענען. ווען איך הויב אן דאווענען הויבט מיר דער קאפ אן גלייך צו פליען אין אלע עקן וועלט, און אזוי אויך ביים לערנען קען איך זיך נישט צוזאמנעמען די מחשבה.

היינט האב איך אנגעהויבן דאווענען מיט א פעסטע החלטה אז איך גיי אינזין האבן די ווערטער, און א מינוט שפעטער טרעף איך זיך אין די אנדערע עק וועלט... ובפרט שלעכטע מחשבות וואס קומען ארויף פון יארן צוריק, ווי אזוי ווערט מען פטור פון דעם?

יישר כח, אהרן.
~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת מטות מסעי, כ"ח תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן **לכבוד אהרן נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס דיינע תפילות טוען אויף אויבן אין הימל - אפילו עס איז פול מיט מחשבות זרות און בלבולים וכו'.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קכב): ווען א מענטש דאווענט און עס קומט אים אריין פרעמדע מחשבות, איז די עצה 'זיך נישט וואוסענדיג מאכן דערפון', נאר ווייטער דאווענען ביז ער וועט זיך שטארקן איבער זיי, "כִּי אֵין צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל, רַק לֵילֵךְ כְּסֵדֶר בִּתְפִלָּתוֹ וְלִבְלִי לְהַבִּיט לַאֲחוֹרָיו כְּלָל, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יִסְתַּלְּקוּ מִמֶּנּוּ", מען זאל נישט צוריק טראכטן פון וואס מען האט געטראכט וכו' נאר מען זאל ווייטער דאווענען כסדר, און זיי וועלן פון זיך אליינס אוועק גיין.

פונקט אזוי ווי ביי א מלחמה ווען מען האט צו טון מיט רוצחים, ווען עס קומט א גיבור און גייט אריין צווישן זיי, אזוי גייענדיג צווישן די רוצחים האקט ער אפ - דעם א האנט און דעם א פוס וכו' וכו', אזוי אויך זאגט דער רבי: "וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כֵּן הוּא מַמָּשׁ בְּעִנְיַן הַתְּפִלָּה, שֶׁכְּשֶׁמִּתְפַּלְּלִין כְּסֵדֶר וְאֵין מַשְׁגִּיחִין עַל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וְדוֹחִין אוֹתָם וּמַפִּילָם אֲזַי בְּדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ בִּתְפִלָּתוֹ הוּא חוֹתֵךְ לָזֶה יָד וְלָזֶה רֶגֶל וְכוּ', כִּי כָּל מַחֲשָׁבָה זָרָה הוּא קְלִפָּה, וְהִיא קוֹמָה שְׁלֵמָה, כַּמּוּבָא, וּכְשֶׁמִּתְגַּבֵּר לְהִתְפַּלֵּל כְּסֵדֶר וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם אֲזַי הוֹרֵג אוֹתָם אוֹ חוֹתֵךְ מֵהֶם אֵיבָרִים אֵיבָרִים", אזוי אויך איז ווען עס קומען אריין בשעת'ן דאווענען שלעכטע מחשבות, וואס יעדע מחשבה איז א שלעכטע מלאך וואס ווערט באשאפן פון עבירות, ווען דער מענטש דאווענט ווייטער און ער קוקט נישט אויף די מחשבות זרות, דורכדעם האקט ער אפ פון די קליפות זייערע אברים, ביז ער איז זיי אינגאנצן מנצח.

ר' נתן האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן תקצ): "פַּעַם אַחַת הָיָה קוֹבֵל אִישׁ אֶחָד לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֵיךְ שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל, כִּי הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת מְבַלְבְּלִין אוֹתוֹ מְאֹד", אמאל איז געקומען א איד צום רבי'ן זיך באקלאגן אז עס איז אים שווער דאס דאווענען, ווייל די מחשבות לאזן אים נישט צורוה, "הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְקַבְּלִין זֹאת לְכַפָּרַת עָוֹן, וְחִיֵּךְ קְצָת", האט דער רבי געשמייכלט און געזאגט: "נעמט מען דאס אן פאר כפרת עוונות"; ר' נתן איז דאס מסביר (שם) אז אלע מחשבות זרות וואס קומען צום מענטש ביים דאווענען און ביים לערנען, דאס זענען זיינע אייגענע עבירות, און אז דער

מענטש דערהאלט זיך, ער האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, נאר ער ווייסט אז דער אייבערשטער האט אים ליב און וויל אים מקרב זיין און נעמט אן זיינע תפילות; ער האט צער פון די מחשבות, און יעדעס מאל וואס עס קומען אים אריין די מחשבות בעט ער דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים, וועט דאס זיין פאר אים כפרת עוונות.

דעריבער זאלסטו נישט ווערן צעבראכן און אויפהערן דאווענען ווען דו זעסט ווי די שלעכטע מחשבות זענען זיך אויף דיר מתגבר און זיי לויפן דיר נאך; ממש ביי יעדע תפילה קומען זיי אן, אנגעהויבן ביי שחרית, מנחה און מעריב קומען זיי און לאזן דיר נישט דאווענען, אזוי אויך ווען מען טוט א מצוה קומען זיי און נעמען אוועק דעם מח מחשבה, זאלסטו נישט אפלאזן דאס דאווענען און קיום המצוות, נאר זאלסט ווייטער דאווענען מיט א שמחה. דו פראביר אינזין צו האבן וואס דו דאווענסט, און אפילו עס גייט דיר נישט און דו האסט נישט אינזין קיין איין ווארט און דיינע מחשבות פליען אוועק ווייט ווייט, דאך זאלסטו פראבירן מיט אלע דיינע כוחות ווייטער צו דאווענען און אינזין האבן וואס דו זאגסט ארויס מיט דיין מויל, און דו קענסט זיין זיכער אז דער אייבערשטער האט א נחת רוח פון יעדעס ווארט וואס דו דאווענסט.

**בעט דעם אייבערשטן פאר דו גייסט אין בית המדרש: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל דאווענען מיט כוונה. העלף מיר אז מיין מח זאל מיר נישט אוועק פליען בשעת'ן דאווענען צי בשעת איך טו אנדערע זאכן; יעדעס מאל מאך איך אפ מיט א פרישקייט אז 'היינט גיי איך דאווענען בכוונה' און איך טרעף מיר נאכן דאווענען אן אינזין האבן קיין איין ווארט. הייליגער באשעפער, האב אויף מיר רחמנות; איך וויל גארנישט, איך דארף גארנישט, נאר אביסלע נאנטקייט צו דיר, איך וויל דיר שפירן, איך וויל לעבן מיט דיר און נישט מסיח דעת זיין פון דיר".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

## איך האב גע'גנב'ט אלס קינד, ווי אזוי קען איך דאס באצאלן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים, איך לעב ממש אן אנדער לעבן מיט אייערע עצות, איך פרובירט צו רעדן צום אייבערשטן, און איך האב שוין געענדיגט דריי מאל משניות.
~~~~~~~~~~

איך האב געוואלט פרעגן אזוי ווי אלס קינד פלעג איך אסאך גנב'ענען פון געשעפטן, און למעשה ווייס איך נישט יעצט וויפיל איך האב גע'גנב'ט, אויך האט דער געשעפט שוין אן אנדערער באלעבאס, איך וויל נישט דארפן מגולגל ווערן חס ושלום, איך ווייס אבער נישט פון וועמען און וויפיל איך האב גע'גנב'ט.

אויך דארף איך אן עצה אויף התבודדות, ווען איך מאך שוין אפ אז איך גיי גיין אויף שפאציר צו רעדן צום אייבערשטן, ווער איך זייער אומגעדולדיג, וואס קען איך טון צו האבן א געשמאק צו רעדן צום אייבערשטן?

א גרויסן יישר כח, משה

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת מטות מסעי, כ״ח תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן לכבוד משה נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו האסט זוכה געווען צו לערנען און מסיים זיין גאנץ ׳ששה סדרי משנה׳ און דו האלסט שויןביים דריטן סיום; דאס וואשט אויס דעם מענטש פון אלע שלעכטע מעשים, און מען באקומט א נייע נשמה.

אויב דו געדענקסט פון וועם דו האסט גע׳גנב׳ט זאלסטו מקיים זיין (ויקרא ה, כג): ״וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר גָּזָל״, אז דו ווייסט נישט וויפיל, זאלסטו פרעגן דעם מענטש וויפיל דו זאלסט אים געבן. אויב דו ווייסט נישט פון וועם דו האסט גע׳גנב׳ט, אויף דעם זאגן חכמינו זכרונם לברכה (ביצה כט.): ״גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה מֵהֶן צָרְכֵי רַבִּים״, ווען א מענטש האט גע׳גנב׳ט פון מענטשן און ווייסט נישט פון וועם ער האט גע׳גנב׳ט זאל ער טון צרכי רבים; ר׳ נתן זאגט (ליקוטי הלכות ברכת השחר הלכה ה, אות לו): עס איז נישט דא א גרעסערע צרכי רבים ווי דרוקן דעם הייליגן רבינ׳ס ספרים וואס זענען מחי׳ ומחזק די גאנצע וועלט, און עס ברענגט צוריק צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער צום אייבערשטן.

דעריבער, אז דו ווילסט מתקן זיין דאס וואס דו האסט גע׳גנב׳ט וכו׳, זאלסטו דרוקן דעם הייליגן רבינ׳ס ספרים, בפרט די ספרים און קונטרסים וואס מוהרא״ש האט געשריבן, וואס דאס איז דעם רבינ׳ס ווערטער אראפ געברענגט אויף א וועג אז יעדער זאל דאס קענען פארשטיין און ארויס נעמען פון דעם חיזוק און עצות אויף עבודות השם. אז דו וועסט דאס דרוקן וועט דאס זיין א תיקון אויף וואס דו האסט אוועק גענומען פונעם רבים, ווייל דאס האט שוין אפגעראטעוועט צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא״ש שרייבט אין די צוואה בזה הלשון: ״אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי

בְּרִיוֹן הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן״.

בנוגע אן עצה אויף התבודדות, אז יעדעס מאל דו גייסט ארויס אויף א שפאציר רעדן צום אייבערשטן ווערסטו אומגעדולדיג; קודם כל דארפסטו וויסן אז דאס אליינס, אז מען גייט אויף א פלאץ רעדן צום אייבערשטן - אפילו מען רעדט נישט - איז זייער חשוב ביים אייבערשטן (עיין שיחות הר״ן, סימן רעה), דאס אליינס אז מען וויל זיך אויסרעדן, איז אויך חשוב ביים אייבערשטן.

מאך פון דעם אליינס א תפילה; בעט דעם אייבערשטן אויף דעם אליין: **״רבונו של עולם, איך דארף אן עצה צו קענען רעדן צו דיר. יעדעס מאל ווען איך וויל רעדן צו דיר ווער איך אומגעדולדיג, העלף מיר איך זאל האבן א קלארע אמונה, איך זאל שפירן ווי דו ביסט מיט מיר און אזוי וועל איך רעדן צו דיר״.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס דארף מען קוקן ביי א שידוך?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל פרעגן איבער די נושא פון שידוכים. איך האב זיך געמוזט גט'ן פון מיין ערשטע ווייב, ס'איז נישט געווען מעגליך צו לעבן מיר איר, און יעצט זוך איך א שידוך צום צווייטן מאל, און איך וויל וויסן אויף וואס מ'דארף קוקן ביי שידוך, וואס דארף מען זען צו וויסן אויב זי איז גוט פאר מיר?

א גרויסן ישר כח, ישראל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת מטות מסעי, כ״ט תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ישראל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען עס קומט צו טון א שידוך דארף מען געדענקען וואס חכמינו הקדושים זאגן (יבמות סג.): **״נָחוּת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא״, גיי אראפ א מדריגה ווען טרעפען דיין שידוך;** בדרך כלל איז א מענטש א בעל גאוה וכו׳, עס פאסט אים נישט צו נעמען שידוכים וואס מען טראגט אים אן און ער מאכט אלעס אוועק: ׳איך דער גרויסער חכם וועל נעמען
~~~~~~~~~~~

דאס?!׳ ׳איך דער שיינער מענטש, דער קלוגער מענטש וועל חתונה האבן מיט אזאנס?!׳ אזוי דרייט מען זיך ארום וכו׳ זוכענדיג א שידוך וואס איז נאך נישט געבוירן געווארן; מען זוכט און מען זוכט, מען גייט ארויס זיך טרעפן וכו׳ אלץ מיט די כוונה אז אפשר וועט מען טרעפן א כלה וואס וועט קומען צו פארן אויף א ווייסע פערד מיט אנגעפילטע זעק מיט געלט וכו׳, מען ווארט עס זאל געבוירן ווערן אזא זיווג און מען כאפט נישט אז ביז דערווייל גייט אריבער אסאך צייט, און פלוצלינג דערזעט מען זיך פארעלטערט...

וואס איז די עצה? דער עצה איז טון וואס די הייליגע חכמים זאגן (יבמות סג.): **"נָחוּת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא"**, **גיי אראפ א מדריגה ווערסטו טרעפען דיין שידוך**, נישט זיין קלויבעריש. מען דארף זייער אכטונג געבן פון דעם פיינט וואס רופט זיך: "צייט", אזוי ווי עס גייט דער מאמר החכם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד", אז מען וויל נישט אוועק לייגן די גאוה, נאר מען קלויבט זיך און מען קלויבט זיך, איז ביז מען כאפט זיך איז מען שוין פארעלטערט וכו׳.

דעריבער זאלסטו זען ווי שנעלער חתונה האבן; חס ושלום בלייבן אליין, ווייל א מענטש ווען ער איז אליין קען ער נישט זיין אפגעהיטן פון עבירות. ר׳ נתן זאגט (ליקוטי הלכות יום הכיפורים, הלכה א, אות א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי - הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", ווער עס איז נישט חתונה געהאט איז פגום בברית; דערפאר דארף מען וואס שנעלער חתונה האבן לשם שמים, זיך נישט וועלן און קלויבן.

מיר געפונען ביי די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה (קידושין כט:) ווי רב חסדא האט אויסגערימט פאר רב הונא דאס גרויסקייט פון רב המנונא אז ער איז א גרויסע מענטש, האט רב הונא געבעטן רב חסדא: "איך וויל אים זען; ווען ער קומט צו דיר זאלסטו אים אהער שיקן". "כִּי אֲתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", ווען רב המנונא איז געקומען האט רב הונא געזען אז ער האט נישט קיין טלית, האט ער אים געפרעגט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא?" פארוואס גייסטו נישט מיט קיין טלית, האט אים רב המנונא געענטפערט: "ווייל איך האב נאך נישט חתונה געהאט", "אַהֲדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", האט רב הונא אוועק געדרייט זיין פנים פון אים און אים געזאגט: "חָזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", זאלסטו נישט קומען צו מיר, ווייל איך וויל נישט זען דיין פנים ביז דו האסט חתונה, ווייל: "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה - כָּל יָמָיו בְּעֲבֵירָה", אויב מען האט נישט חתונה פאר די צוואנציג יאר וועט מען א גאנץ לעבן טון עבירות, פרעגט די גמרא: "בְּעֲבֵירָה סַלְקָא דַּעְתָּךְ?!" ווי קען זיין מען וועט טון עבירות א גאנץ לעבן, איינמאל מען האט חתונה איז מען דאך אפגעהיטן פון עבירות, ענטפערט די גמרא:

"אֶלָּא אֵימָא: כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", מען וועט א גאנץ לעבן האבן שלעכטע מחשבות; זעט מען פון דעם ווי שטארק מען דארף זיך צו איילן חתונה צו האבן, ווייל רב המנונא איז געקומען צו רב הונא, און ער האט נישט געוואלט קוקן אויף זיין פנים ווייל ער האט נישט חתונה געהאט.

איך ווארט צו הערן פון דיר א מזל טוב בקרוב.

...

~~~~~~~~~~

### קענט איר מיר קלאר מאכן עטליכע שאלות בנוגע זאגן משניות?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א יישר כח פאר'ן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו ענטפערן מיינע שאלות. איך האב געוואלט פרעגן עטליכע שאלות איבער לימוד משניות.

א. אזוי ווי ס'איז באקאנט די סגולה פון זאגן ח"י פרקים משניות יעדן טאג, עס הרג'ט דעם יצר הרע און שלעפט ארויס דעם מענטש פון זיינע שלעכטע מעשים, מוהרא"ש שרייבט (אשר בנחל, חלק מ"ו, ח'רפ"א) אז דאס וואס דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן י"ט) אז מ'זאל לערנען יעדן טאג "כך וכך", דאס גייט ארויף אויף ח"י פרקים משניות, וויל איך וויסן צי דאס מיינט דוקא אז מ'מוז יעדן טאג באזונדער זאגן ח"י פרקים, און עס ענדיגן פאר ס'ווערט נאכט, אדער מיינט דאס בכלליות אז מ'זאל ענדיגן גאנץ ששה סדרי משנה יעדן חודש? איך פארשטיי אז משניות האט סגולות סיי וויפיל און וויאזוי מען זאגט עס, איך וויל נאר וויסן לגבי דעם ענין פון ח"י פרקים א טאג.

ב. ווען מ'זאגט ח"י פרקים משניות יעדן טאג, ענדיגט מען משניות אין 29 טעג, וואס לערנט מען אינעם דרייסיגסטן טאג פון א חודש וואס האט דרייסיג טעג?

ג. תשעה באב וכדומה, ווען מ'טאר נישט לערנען צוליב אבילות, מעג מען זאגן ח"י פרקים משניות? ובפרט איינער וואס איז געוואוינט דאס צו זאגן יעדן טאג? אויך וויל איך וויסן צי מ'מעג דעמאלט לערנען דעם רבינ'ס ספרים, אפשר גייט עס אריין אין כלל פון ספרי מוסר וואס די פוסקים זענען דן איבער דעם אז מ'מעג דאס אפשר לערנען אום תשעה באב.

ד. איך ארבעט אויף א פלאץ וואו עס דרייען זיך דארט נישט צניעות'דיגע און נישט אידישע פרויען, ובפרט אין די זומער, מעג מען דארט זאגן משניות, אדער תהלים און נ"ך וכדומה? און די זעלבע אויך ווען מ'ווארט אויף א באס אויפ'ן גאס וכדומה נעבן נישט צניעות'דיגע פרויען, מעג מען דארטן לערנען?

איך האף אז איר וועט מיר דאס אלעס קענען קלאר שטעלן. א גרויסן יישר כח, עקיבא

### תשובה:

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן
~~~~~~~~~~

**לכבוד עקיבא נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן זכרונו לברכה ער זאל יעדן טאג זאגן "ח"י פרקים משניות", אויך האט דער רבי געזאגט פאר עטליכע פון אנשי שלומינו זיי זאלן זאגן יעדן טאג "ח"י פרקים משניות" (עיין שיחות הר"ן סימן קפה). אזוי אויך האט דער הייליגער טשערנאבלער מגיד זכותו יגן עלינו געהייסן מען זאל יעדן טאג זאגן "ח"י פרקים משניות" אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זיין ספר ליקוטי תורה (הדרכה ו): "תֹּאמַר "ח"י פרקים משניות" בְּלִי פֵירוּשׁ בְּכָל יוֹם, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים; כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אויך ווערט געברענגט פונעם הייליגן מהר"ם פאפירש (אור צדיקים סימן כב, אות יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת מַה טוֹב וּמַה נָעִים", עס איז זייער גוט מען זאל יעדן טאג לערנען אכצן פרקים משניות, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", איך וויל האבן א חלק מיט זיי, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", ווייל מיטן זאגן אכצן פרקים משניות איז מען מתקן וואס מען האט פוגם געווען אין די חטא פון פגם הברית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָּה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אויך האט דאס א סגולה צו הרג'נען דעם יצר הרע, "גַּם סְגוּלָּה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אויך האט דאס א סגולה צו ברענגען א ריינע נשמה אויפן מענטש.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אפילו א מענטש וואס איז אריין געפאלן אין עבירות רחמנא לצלן; אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג כך וכך, יהי' מה שיהי', וועט אים די תורה ארויס נעמען פון זיין פלאנטער און ער וועט ווערן אן ערליכער איד"; מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, אז דער שיחה גייט ארויף אויף "ח"י פרקים משניות". אפילו איינער איז נעבעך אריין געפאלן אין שמוציגע מעשים, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו זאגן יעדן טאג: "ח"י פרקים משניות", וועט אים די תורה ארויס נעמען פון זיינע נישט גוטע מעשים.

עס איז נישט שווער צו זאגן "ח"י פרקים משניות" יעדן טאג, מען קען דאס איינטיילן דורכן טאג אויף דריי טיילן: זעקס פרקים אינדערפרי, זעקס פרקים נאכמיטאג און זעקס פרקים ביינאכט. עס דארף נישט געזאגט ווערן דוקא בייטאג וכו', נאר ווען מען האט אביסל צייט בייטאג אדער ביינאכט זאל מען אריין כאפן נאך א פרק משניות און נאך א פרק משניות ביז מען וועט אנקומען צו: "ח"י פרקים משניות".

מוהרא"ש פלעגט זיך שטענדיג בארימען: "ווי אזוי זעט מען אויף א אינגערמאן צי ער איז א תלמיד "היכל הקודש?" אויב ער דרייט זיך מיט א קליינע משניות'ל אין

טאש, און ווען ער האט אפאר איבעריגע מינוט, כאפט ער אריין נאך א פרק און נאך א פרק - דאס איז א סימן פון א תלמיד 'היכל הקודש'".

אז מען זאגט יעדן טאג **"ח"י פרקים משניות"** איז מען זוכה מסיים צו זיין יעדן איינציגן חודש גאנץ "ששה סדרי משנה". אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, ווייל די ווערטער פון די תורה רייניגט דעם מענטש, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", א מענטש זאל לערנען די הייליגע תורה אפילו ער פארגעסט וואס ער לערנט, און אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, נאך זאגן די הייליגע חכמים (שבת סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר", קודם דארף מען אסאך זאגן די ווערטער, און נאכדעם קומט מען שוין צו פארשטיין.

אסאך תלמידי היכל הקודש לערנען משניות מיטן חודש. דאס הייסט, זיי הייבן אן יעדן ראש חודש נאכאמאל ששה סדרי משנה; א' לחודש זאגט מען גאנץ מסכת ברכות, גאנץ מסכת פאה און די ערשטע פרק פון דמאי, ב' לחודש גייט מען ווייטער מיט מסכת דמאי, גאנץ מסכת כלאים און די ערשטע דריי פרקים פון שביעית, און אזוי ווייטער ביז מען איז מסיים יעדן חודש גאנץ ששה סדרי משנה, און ווען מען האלט ביי א חודש וואס האט דרייסיג טעג מאכן זיי זיך א באזונדערע שיעור אין משניות, דאס לערנען זיי יעדע חודש מלא דעם דרייסיגסטן טאג.

עס זענען דא תלמידי היכל הקודש וואס גייען נישט ממש אויפן טאג פונעם חודש, נאר גייען אויף זייער אייגענע סדר; יעדן טאג זאגט מען "ח"י פרקים משניות" - יעדער איינער וואו ער האלט, מען קוקט נישט אויף נעכטן און מען טראכט נישט פונעם מארגן, נאר מען לעבט מיטן היינטיגן טאג - יעדן טאג פראבירט מען אריין צו כאפן אביסל תורה; יעדער מענטש האט זיך זיין וועג ווי ער איז מער מצליח, דעריבער איז נישט כדאי צו קוקן אויף א צווייטן.

בנוגע צי מען קען זאגן ח"י פרקים משניות אום תשעה באב; תשעה באב טאר מען נישט לערנען, אזוי ווערט גע'פסק'עט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן תקנד, סעיף א) ווייל תורה מאכט פרייליך דעם מענטש, און תשעה באב איז א טאג וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, אבער די פוסקים זאגן (עיין נטעי גבריאל סימן עה, סעיף קטן יט) אז נאכמיטאג קען מען לערנען שיעורם כסדרן; דער וואס לערנט יעדן טאג זיינע שיעורים קיבועים, מקרא, משנה, גמרא וכו' וכו', מעג עס לערנען תשעה באב נאכמיטאג.

אז מען רעדט שוין פון לערנען משניות תשעה באב, איז כדאי צו דערמאנען וואס דער הייליגער בני יששכר זאגט (חודש תמוז אב - מאמרי חדשי תמוז אב, מאמר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן

הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", די שעות פון די דריי וואכן איז סך הכל פינף הונדערט אכט און צוואנציג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דערפאר איז דא אין ששה סדרי משנה פינף הונדערט אכט און צוואנציג פרקים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", ווייל דאס איז דער שליסל מיר זאלן דורכדעם ארויס גיין פון גלות, וואס דאס איז אנטקעגן די פינף הונדערט אכט און צוואנציג שעה פון די דריי וואכן וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", משיח וועט קומען נאר אינעם זכות פון די וואס לערנען משניות, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", ווען מען חזר'ט משניות וועט געעפנט ווערן די פארמאכטקייט פון אונזער גלות, אזוי ווי עס שטייט (הושע ח, י): "גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", יתנו איז א לשון פון משניות, אז מען וועט לערנען משניות אין גלות, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וועט אונז דער אייבערשטער אויסלייזן; זעט מען דאס גרויסקייט פון לערנען משניות, בפרט יעצט אין די טעג וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, און דאס וועט ברענגען די גאולה.

בנוגע צי מען מעג לערנען ווען מען ווארט אויף א באס וכו'; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית י:): "שְׁנֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בַּדֶּרֶךְ, וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תּוֹרָה, רְאוּיִין לִישָּׂרֵף", ווען מען איז אונטערוועגנס און מען לערנט נישט איז מען ראוי פארברענט צו ווערן; ווען א מענטש איז אונטערוועגנס, אויפן טרעין אדער אויפן באס, אויב האט ער נישט מיט זיך א ספר; א משניות, א חומש, אדער א תהילים וכדומה, וועט ער פארברענט ווערן פון דעם יצר הרע. נישט נאר מען מעג לערנען אונטערוועגנס, נאר אן דעם איז נישט מעגליך צו בלייבן א איד, בפרט זוממער ווען מען פארט מיט די שטאטישע באסעס, טרעינס וכדומה לזה, אויב נעמט מען נישט מיט א ספר מיט זיך ווערט מען פארברענט, נישט איין מאל נאר יעדע סקונדע. אזוי אויך ווען מען ארבעט אין א פלאץ מיט גוים וכו' און מען וויל ניצול ווערן פונעם יצר הרע, מען האט נסיונות וכו', זאל מען אנטלויפן צו די תורה, אזוי וועט מען געראטעוועט ווערן פון אלעם שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פון דעם ביטערן גלות.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**ווי אזוי ווייסט מען אויב מ'האט יוצא געווען אדער נישט?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די חיזוק יומי און די שיעורים, דאס איז מיר זייער מחזק.

איך בין א בחור אין די יארן, און איך מוטשע זיך זייער אין עבודת ה', איך בין אלעמאל פיל מיט ספיקות אויב איך טו ריכטיג אדער נישט, אויב כ'האב יוצא געווען די מצוה ווי עס דארף צו זיין אדער נישט. יעדן טאג האב איך יסורים ווייל איך ווייס נישט אויב די תפלין ליגט מיר אויפ'ן קאפ אויף די ריכטיגע פלאץ, איך האלט אין איין פרעגן אנדערע בחורים אויב די תפלין ליגט מיר גוט אויפ'ן קאפ. ביים דאווענען קען איך אסאך מאל נישט ענדיגן די גאנצע זייענדיג מסופק אויב כ'האב געזאגט ריכטיג יעדעס ווארט. און בכלל ביי יעדע זאך בין איך פול מיט ספיקות, און איך קען נישט מחליט זיין קיינמאל וואס צו טון.

איך האף איר וועט מיר קענען געבן אן עצה און חיזוק, צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

ישראל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת דברים, ד׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ישראל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן מד): ״גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד״, מען דארף זיך זייער היטן פון חכמות, ״כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים״, די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן - דאס זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס זענען בלויז דמיונות, שטותים און קאפ דרייעניש, ״וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, ״דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה״, דאס וואס מען טראכט צי מען איז יוצא די מצוה וואס מען טוט - צי נישט; מען איז מדקדק און מען האלט אין איין אריין טראכטן: ׳אפשר בין איך נישט יוצא, אפשר בין איך יא יוצא׳, דאס אלעס ברענגט דערצו אז דער מענטש זאל אלעס אפלאזן רחמנא לצלן.

דער רבי זאגט: ״כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת״, א מענטש קען נישט יוצא זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשלימות, ׳וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא׳ וְכוּ׳״, און דער אייבערשטער זוכט נישט א וועג ווי אזוי ער קען אונז כאפן און

אויפווייזן אז מיר קענען נישט טון די מצוות, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", און נישט פאר קיין מלאכים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען אלץ מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה צי נישט - זיי האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט און לעבן אלץ אין ספיקות, די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה.

ר' נתן זאגט דארט: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דער רבי האט נישט געהאט קיין שום חומרות; ווייל דער גרעסטער חכמה איז צו דינען דעם אייבערשטן בפשיטות, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל 'וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרֵךְ'".

וואויל איז דעם מענטש וואס טוט אן תפילין יעדן טאג און איז זיך מחיה מיט דעם, ער טאנצט זיך אונטער בשעת'ן אנטון די תפילין; ביי מוהרא"ש האט מען געקענט זען ווען ער פלעגט אנטון די תפילין, ווי בשעת ער האט געמאכט די ברכה האט ער זיך אונטער געטאנצן, ממש אזוי ווי איינער וואס האט יעצט געוואונען א ריזן סומע געלט.

דאס זעלבע זאג איך דיר, אנשטאט דו זאלסט זיך אויפעסן צי די תפילין שטייט דיר גראד אויפן קאפ, זע אז דיין קאפ זאל דיר שטיין גראד; טאנץ פאר שמחה אז דו ביסט זוכה אנצוטון תפילין, אזוי אויך ווען דו דאווענסט זאלסטו זיך פרייען אז דו האסט די זכיה צו רעדן צום מלך מלכי המלכים, לאז אפ דיינע מחשבות וואס מאטערן דיך צי דו האסט יא געזאגט גוט די ווערטער צי נישט; דער עיקר טאנץ פאר שמחה אז דו קענסט רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## וואס טוט מען ווען מ'וויל נישט דאווענען און נישט אינזין האבן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א יישר כח פאר'ן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו ענטפערן מיינע שאלות. איך האב געוואלט פרעגן עטליכע שאלות איבער דאווענען.

א. אין שלחן ערוך ווערט מבואר אז לכתחילה דארף מען אינזינען האבן די פירוש המלות פונעם דאווענען (או"ח סימן צ"ח סעיף א') און אויך מדקדק זיין באותיות (או"ח סימן ס"א ס"ב), אבער בדיעבד איז מען יוצא אויב מען האט נישט אינזין געהאט (סימן ק"א סעיף א') אדער מדקדק געווען באותיותיה (סימן ס"ב סעיף א'). אויך איז מבואר אין שלחן ערוך (סימן צ"ח סעיף ג') יתפלל דרך תחנונים כרש המבקש בפתח ובנחת, זאגט אויף דעם דער משנה ברורה, ומכל מקום בדיעבד אפילו אם לא אמרה בלשון תחנונים לא יחזור ויתפלל עכ"ל. איז מיין שאלה וואס טוט זיך מיט א מענטש וואס האלט נישט ביים אינזין האבן בכלל, ער איז נישט אינטערעסירט מדקדק צו זיין אין די אותיות, און ער וויל אויך נישט דאווענען בדרך תחנונים; זאל ער ענדערש בכלל נישט דאווענען? ווייל אין שלחן ערוך שטייט דאך נאר אז בדיעבד האט מען יוצא געווען, אבער לכתחילה איז דאס נישט גוט.

ב. אויך וואס טוט מען ווען מ'האלט אינמיטן שמונה עשרה, און מ'האט געמאכט א טעות וואס די הלכה איז ביי דעם אז מ'דארף צוריקגיין און נאכאמאל אנהויבן שמונה עשרה, דער מענטש האט אבער נישט קיין געדולד אנצוהויבן נאכאמאל, ער איז שוין עטליכע מאל דורכגעפאלן אין דעם און ער האט נישט איבערגעדאווענט ווען מ'האט געדארפט, איז די שאלה צי ער זאל כאטש דאווענען ווייטער ביז'ן סוף אפילו ס'איז קעגן די הלכה, אדער איז עס יעצט פשוט א ברכה לבטלה.

א גרויסן יישר כח, יוסף

### תשובה:

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד יוסף נרו יאיר.**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

איך פארשטיי נישט דיין שאלה; וואס הייסט "מען וויל נישט אינזין האבן דאס דאווענען?!" ווען א מענטש וואלט באמת געגלייבט אז דער אייבערשטער שטייט נעבן אים און הערט צו וואס ער בעט אים וואלט ער געדאווענט יעדעס ווארט מיט כוונה. דער סיבה פארוואס מען איז מזלזל אין תפילה איז ווייל מען האט נישט די אמונה אז דער אייבערשטער געפונט זיך דא, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה', וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה

מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", ווען א מענטש וואלט ווען געוואוסט ביי זיך קלאר אז דער אייבערשטער שטייט נעבן אים בשעת ער דאווענט און ער הערט צו יעדעס ווארט וואס ער בעט אים, וואלט ער געדאווענט אזוי ווי עס דארף צו זיין און ער וואלט מכוון געווען יעדע איינציגע ווארט ווי אזוי ער זאגט עס ארויס.

אזוי אויך פארשטיי איך נישט דיין צווייטע שאלה; אויב מען האט משנה געווען 'מִמַּטְבֵּעַ שֶׁטָּבְעוּ חֲכָמִים' איז מען נישט יוצא דאס דאווענען. מען דארף מפסיק זיין דארט וואו מען האלט און נאכאמאל איבער דאווענען, מען קען נישט ווייטער ממשיך זיין מיט שמונה עשרה; עס איז נישט דא אזא זאך אז ענדערש זאל מען ווייטער דאווענען ווען מען איז נישט יוצא אויב מען האלט נישט ביים איבער דאווענען.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", ווער עס איז פוגם אין די עבירה פון פגם הברית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קען נישט דאווענען, ער שפירט א ביטערע טעם אינעם דאווענען; דאס דאווענען האט ביי אים א טעם פון "מַיִין מְרִירִין" - ביטערע וואסער. ער וויל נישט קומען אין שול דאווענען, און ווען ער קומט שוין יא אין שול האט ער נישט קיין געדולד אפילו נאר צו עפענען דעם סידור, און ווען ער עפענט שוין דעם סידור קומט אים אן אזוי שווער דאס דאווענען; דאס קומט פון די עבירה פון פגם הברית. די עבירות מאכן אים דיפרעסט און צעבראכן, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", די עבירה ברענגט די מחלה וואס הייסט 'ברעכעניש' - דער מענטש ווערט צעבראכן אויף שטיק שטיקלעך און האט נישט קיין געדולד צו דאווענען.

זאגט דער רבי: "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִילָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", א מענטש קען נישט שפירן א טעם אין דאווענען נאר אז ער פאררעכט זיינע פגמי הברית, ער טוט תשובה און ער היט זיך אפ פון שלעכטס; דעריבער אויב מען איז אפגעהיטן אין קדושה, מען היט זיך די אויגן און די מחשבה דאן איז דאס דאווענען א זיסע זאך, עס שפירט זיך ווי "מַיִם מְתוּקִים" - זיסע וואסער, מען וויל נאך און נאך דערפון.

דעריבער זאלסטו זיך מאכן א חשבון הנפש וואו דו האלסט אויף דער וועלט אין עניני קדושה, ווייל דאס איז די סיבה וואס איז גורם אז עס קומט דיר אן אזוי שווער צו דאווענען און דו ווילסט נישט אינזין האבן וכו', ווייל די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה ברענגט אויפן מענטש א שטארקע ביטערניש, מען גייט ארום דעפרעסט, ביז מען לאזט אינגאנצן אפ דאס דאווענען; דעריבער זאלסטו תשובה טון אויף דיינע עבירות וועסטו שוין קענען דאווענען.

כאפ זיך אריבער קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון; דער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר אין אומאן און וועט געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות און זאגן דעם תיקון הכללי (קאפיטל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ): "אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו" וועט ער אים ארויס נעמען פון שאול תחתית.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו פארעכטן אונזערע מעשים, אזוי וועלן מיר שפירן א זיסקייט און א געשמאק אינעם דאווענען.

...

~~~~~~~~~~

**וועלכע שיחות פון רבי'ן און רבי נתן זענען די ריכטיגע?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געהערט ביי די שיעור ווי איר רעדט וועגן דעם ספר "באש ובמים" אז איר ווילט עס נישט ליינען ווייל איר ווילט באקומען נאר הערן שיחות פון רבי'ן און רבי נתן פון איין מקור, פון מוהרא"ש זי"ע.

איך מיין אבער אז דער ספר איז געשריבן אויפ'ן זעלבן וועג ווי דער ספר "פעולת הצדיק", נאר עס איז אויף רבי נתן, עס איז געשטעלט נאר אויף מקורות פון רבע נתן מיט זיינע תלמידים.

נארמאל וואלט איך אייך נישט געשריבן וועגן דעם, וואס דארף איך זיך מישן? אבער דער ספר איז א מורא'דיגע ספר וואס עס איז פשוט א שאד נישט עס צו ליינען.

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיט יארן צוריק האב איך דורכגעליינט דעם ספר "באש ובמים"; איך האב דארט געזען צוברענגען בשם ר' נתן אווארט וואס ער האט געזאלט זאגן אויפן הייליגן רבי ר' זושא זכותו יגן עלינו און איך האב דאס נאכגעזאגט ביי א שיעור. נאכדעם האב איך געזען אין שו"ת ברסלב (סימן תתקכ"ג) ווי איינער פרעגט מוהרא"ש די פאלגענדע שאלה:

"ברצוני לשאול: האם יש שיחה ממוהרנ"ת שאמר על הרה"ק הרבי ר' זושא: 'אי פעם היו קוראים אותו המלמד ..... כעת קוראים אותו "דער הייליגער רבי ר' זושא"?' איך וויל פרעגן אויב איז דא אזא שיחה פון ר' נתן אז ער האט געזאגט: "אמאל האט
~~~~~~~~~~

מען גערופן דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא 'דער משוגע'נער מלמד', אבער היינט רופט מען אים 'דער הייליגער רבי זושא''? און מוהרא"ש ענטפערט אים אזוי: "אני מאד מאד מבקש אותך ומעורר גם את אחרים: צריכים לשמור מאד מאד משיחות בדויות ומצוצות מהאצבע, וזורקים את זה על רביז"ל ועל מוהרנ"ת ז"ל, שהכל שקר וכזב, ובפרט כשזה פתוח נגד התורה הקדושה, ונגד צדיקי אמת, צריכים לדעת שזה שקר וכזב, וגובל גם עם מינות". איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיך היטן פון נאכזאגן אויסגעטראכטע שיחות וואס מען האט אויסגעזויגן פון פינגער און מען לייגט דאס ארויף אויפן הייליגן רבי'ן זכרונו לברכה און אויף זיין הייליגער תלמיד ר' נתן זכרונו לברכה, בפרט ווען דאס איז אנטקעגן די תורה און אנטקעגן הייליגע צדיקים. מען דארף וויסן אז דאס איז שקר וכזב און דאס גרעניצט זיך מיט מינות.

מוהרא"ש באציט זיך צו דעם שיחה בפרטיות, און שרייבט: "השיחה הזו היא שקר וכזב, כי ידוע איך שרביז"ל הפליג במעלת הרב הקדוש הרבי רבי זושא מאנפולי זי"ע, ואמר עליו שבחים גדולים, ואחד מהשבחים 'שעבד את הקדוש ברוך הוא עם תבערת הלב עצומה בפעם אחת עשרים ושתים שנים רצופות וכו''; היינו כי בדרך כלל כשאדם מתחיל להכנס בעבודת השם יתברך הוא נופל בכל פעם וכו', לא כן הצדיק הקדוש הזה - עם ההתלהבות הראשונה, בָּעַר עשרים ושתים שנה וכו'". עס איז באוואוסט אז דער רבי האט זייער אויסגעלויבט דעם הייליגן רבי זושא זכותו יגן עלינו; דער רבי האט געזאגט אויף אים מורא'דיגע שבחים, צווישן זיי - אז ער איז ארום געגאנגען צוויי און צוואנציג יאר ברציפות מיט די זעלבע ברען צום אייבערשטן. ווייל בדרך כלל ווען א מענטש הייבט אן דינען דעם אייבערשטן הייבט מען אן מיט א ברען און נאכדעם פאלט מען אראפ וכו' אבער דער הייליגער צדיק איז ארום געגאנגען מיטן זעלבן ברען פאר צוויי און צוואנציג יאר, "וכן מוהרנ"ת ז"ל הפליג במעלתו, וסיפר שיצא לו פעם ללון לילה אחד עם הצדיק הקדוש הזה באותו חדר, וכשבא חצות לילה זרק את עצמו מהמיטה על הריצפה וצעק לעצמו זושא זושא תקום כבר וכו', את השאר כבר תישן בקבר", אויך פלעגט ר' נתן דערציילן ווי אמאל איז אים אויסגעקומען צו נעכטיגן אין איין אכסניא מיטן הייליגן רבי'ן ר' זושא זכותו יגן עלינו און ער האט מיט געהאלטן זיין עבודה פון דער נאנט, ווען עס איז געווארן חצות האט ער געזען ווי דער הייליגער ר' זושאווארפט זיך אראפ פון בעט און הייבט אן רעדן צו זיך, ער האט געשריגן: "זושא, זושא! שטיי שוין אויף, עס וועט קומען א צייט וואס דו וועסט קענען שלאפן - אין קבר וועסטו שלאפן, יעצט איז חצות, שטיי אויף דינען דעם אייבערשטן".

שרייבט ווייטער מוהרא"ש: "אזי איך יכולים להמציא שיחות מגונות כאלו על צדיק קדוש ונורא כזה? ולא רק עליו, אלא יש עוד צדיקים קדושים שהיו מאד מאד חשובים בעיני רביז"ל ומוהרנ"ת ז"ל, ואיך יכולים להדפיס שיחות של שקרים, ולתלות את זה עליהם?" ווי אזוי קען מען אויס טרעפן אזעלכע נישט שיינע שיחות אויף אזא הייליגער צדיק, "אין זה שמראה את גריעות מעשי המספרים, ומכל שכן המדפיסים שיחות כאלו נגד צדיקים קדושים שהיו דבוקים לגמרי באין סוף ברוך הוא, אוי להם ואוי לנפשם מי שמעיז לדבר על צדיקים כאלו, ובזה הם מגלים את זוהמת מעשיהם, כמו שכתוב (תהילים נה, כא): "שלח ידיו בשלומיו חלל בריתו", ווי פאר די וואס רעדן אנקעגן די הייליגע צדיקים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נעמען דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער זיך מחי' צו זיין מיט יעדן ווארט, און נישט נעמען דעם רבינ'ס ווערטער אוועק צו מאכן א צווייטן. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קעא), אויפן פסוק (דניאל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", זאגט דער רבי: "עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר שֵׂכֶל חָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה', מַה שֶּׁלֹּא הָיָה נוֹדָע עַד עַתָּה, עַל יְדֵי זֶה 'רַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ', אַךְ 'אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם', כִּי 'צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם' - שֶׁעוֹבְדִין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, 'וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם', שֶׁאֵינָם עוֹבְדִין בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם מְבַזִּין וּמְחָרְפִין אֶת הָעוֹלָם עַל שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, וְהָעוֹלָם אֵינָם יוֹדְעִין מִזֶּה, וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי - לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, הַיְנוּ לְחָרֵף וּלְבַזּוֹת הָעוֹלָם, כִּי אֵינָם מִשְׁתַּמְּשִׁין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ רַק לְבַזּוֹת וּלְחָרֵף הָעוֹלָם, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹדְעִים מִזֶּה, וְהָעוֹלָם הֵם רֵיקִים וַחֲסֵרִים מִזֶּה"; יעדעס מאל עס ווערט באוואוסט א נייע שכל - א נייע דרך אין עבודת השם, איז דא צוויי סארט מענטשן, איינער איז זיך פשוט מחי' מיט יעדן דיבור, מיט יעדע טראפ שכל און מיט יעדע בריוו - "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם"; און נאכדעם איז דא וואס זיי נוצן נישט די שכל און די ווערטער פונעם בריוו פאר חיי עולם, נאר פאר - "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", ווי זיי קענען יענעם ווי טון און יענעם אוועק מאכן, יענעם פארציילן וואס מען האט גערעדט פון אים וכו'.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי דינט מען דעם אייבערשטן שלא לשמה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א יישר כח פאר'ן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו ענטפערן מיינע שאלות. איך האב געוואלט פרעגן עטליכע שאלות בעניני עבודת ה'.

א. מעג מען דינען דעם אייבערשטן מיט'ן ציל אנצוקומען צו מדריגות און רוח הקודש, דער רבי זאגט (ספר המדות, אמת אות א') "מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת", אויך פלעגט מוהרא"ש זאגן אז ווען מ'האט אינזין דאס גאנצע דאווענען איז מען זוכה צו רוח הקודש, אויך ביי די תפלה וואס מ'זאגט ביי כתר אין די ימים נוראים קען מען דארט מתפלל זיין אויף רוח הקודש. פון די אנדערע זייט האב איך געזען אין ספר אוהב ישראל (ליקוטים פרשת ויקרא) אז ער האט געזען ערליכע אידן וואס זענען משוגע געווארן און ארייגעפאלן אין א מרה שחורה ווייל זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן נאר צוצוקומען צו מדריגות, און אזוי ווי זיי זענען נישט אנגעקומען דערצו, זענען זיי אינגאנצן צופאלן דערפון. איז וואס איז דער ריכטיגער וועג? מעג מען אינזין צו דינען דעם אייבערשטן כדי אנצוקומען צו מדריגות און רוח הקודש?

ב. מען זעט אין חז"ל אז מ'מעג דינען דעם אייבערשטן שלא לשמה, אויך האב איך געזען שטיין אז מען קען נישט צוקומען בכלל צו לשמה, נאר דורכ'ן טון קודם שלא לשמה, ס'שטייט אבער אין ספר חסידים (סימן מ"ו) אז מ'זאל נישט דינען דעם אייבערשטן סתם אן טראכטן גארנישט, כמצות אנשים מלומדה, נאר מ'זאל טאקע אינזין האבן אז מ'טוט עס מאהבת השכר ומיראת העונש, און אזוי זעט אויך אויס אין שלחן ערוך הרב (הלכות תלמוד תורה סימן ד' סעיף ג').

איז די שאלה צי מ'קען איינמאל פאר אלעמאל טראכטן אז ווען מ'דינט דעם אייבערשטן וועט דאס זיין מיראת העונש ומאהבת השכר, אדער דארף מען עס עקסטער אינזין יעדעס מאל ווען מ'טוט א מצוה אדער מ'האלט זיך צוריק פון אן עבירה?

יישר כח פאר אלעס

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת דברים, ד׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער עיקר דארף א מענטש שטרעבן צוצוקומען צו דינען דעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות; צו זיין א פשוט׳ער איד, מקיים זיין אלע מצוות פון באשעפער בשמחה און לערנען אסאך תורה; ענדיגן חמשה חמשה תורה, נביאים, כתובים, ששה סדרי משנה, בבלי, ירושלמי, תוספתא, אלע מדרשים, שלחן ערוך וכו׳ וכו׳.

אויך דארף מען שטרעבן צוצוקומען צו שפירן דעם אייבערשטן און לעבן מיטן אייבערשטן; דאס איז רוח הקודש.

רוח הקודש מיינט נישט אז מען קען זען וואס טוט זיך ביי יענעם פריוואט, רוח הקודש איז ווען דער מענטש לעבט מיטן אייבערשטן, ער טראכט פונעם אייבערשטן, ער רעדט צום אייבערשטן און ער גייט צום אייבערשטן ווען עפעס באדערט אים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כא): "וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ כַּיָּדוּעַ", וואס איז רוח הקודש? א ווילן וואס קומט פון קדושה; ווען א מענטש איז פרייליך, ער גייט ארום מיט א אויפגעלייגטע גוסטע און ער גלייבט אינעם אייבערשטן, ער ווייסט קלאר אז קיינער קען אים גארנישט טון - קיינער קען אים נישט גוטס טון און זיכער נישט שלעכטס טון - דאס איז רוח הקודש, און דאס איז די גרעסטע מדריגה צו וואס מען קען צוקומען.

אזוי אויך ווער עס קוקט גוט אויף א צווייטן איד, ער איז דן לכף זכות יעדן איינעם - דער האט רוח הקודש, אזוי ווי מיר געפונען אז ווען עלי הכהן האט חושד געווען חנה - די מאמע פון שמואל הנביא אז זי איז אנגעטרינקען וכו', האט אים חנה געזאגט (שמואל-א א, טו): "וַתַּעַן חַנָּה וַתֹּאמֶר, לֹא אֲדֹנִי" זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (ברכות לא:): "אָמַר עוּלָא וְאִיתֵּימָא רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲנִינָא: אָמְרָה לֵיהּ: לֹא אָדוֹן אַתָּה בְּדָבָר זֶה וְלֹא רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שׁוֹרָה עָלֶיךָ, שֶׁאַתָּה חוֹשְׁדֵנִי בְּדָבָר זֶה", דו האסט מיר געוויזן אז דו האסט נישט קיין רוח הקודש ווייל דו ביסט מיר חושד מיט דעם, "אִיכָּא דְּאָמְרֵי הָכִי אָמְרָה לֵיהּ: לֹא אָדוֹן אַתָּה לַאו אִיכָּא שְׁכִינָה וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ גַּבָּךְ, שֶׁדַּנְתַּנִי לְכַף חוֹבָה וְלֹא דַּנְתַּנִי לְכַף זְכוּת", די שכינה רוט נישט ביי דיר און דו האסט נישט קיין רוח הקודש, ווייל דו ביסט מיר נישט דן לכף זכות; זעט מען פון דעם אז ווער עס איז נישט חושד א צווייטן איד נאר ער איז יעדן איינעם דן לכף זכות, ער קוקט גוט אויף א צווייטן - דער האט רוח הקודש.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן עב): ווען מען קומט צום צדיק פאלט אויפן מענטש א שפלות; מען הייבט אן זען ווער מען איז, וואס מען האט אלס אפגעטון אין לעבן און וויפיל מען דארף נאך מתקן זיין. מען וויל נישט גארנישט, מען וויל נאר טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן און מען פריידט זיך מיט די מצוות וואס מען טוט; גלייב מיר, דאס איז אסאך גרעסער פון אלץ.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קנד): "איך בין צוגעקומען צו אלע מיינע מדריגות נאר ווייל איך האב זיך געפירט בתמימות ובפשיטות"; און דער רבי האט זייער ליב געהאט די אידן וואס זאגן אסאך תהילים און תחינות, אזוי ווי ר' נתן ברענגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים

**הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים, וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים״, דער רבי האט זייער געהאלטן פון פשוט׳ע אידן וואס לעבן מיטן אייבערשטן בתמימות ובפשיטות.**

**דער הייליגער ר׳ נתן האט געזאגט פאר ער איז נסתלק געווארן: ״איך זאל זאגן איך האב נישט גענוג געלערנט - געלויבט דעם אייבערשטן איך האב געלערנט גענוג, אויך געדאוונט, אבער איין זאך ווייס איך נישט צי איך האב געפאלגט דעם רבי׳ן - מיט תמימות...״**

**לאז אפ דיינע חכמות און נארישקייטן, גיי אויף די וועגן פון רבי׳ן וועסטו ממילא זוכה זיין צו אלע מדריגות.**

...

~~~~~~~~~~~

**א סדר אין תורה, פרויען שערן די האר, ווי אזוי ווערט מען פטור פון א מנוול?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

א גרויסן יישר כח פאר די בריוו און שיעורים וואס זענען פאר מיר ממש ווי לופט צום אטעמען.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז יעדער איד דארף דורכגיין די גאנצע תורה, איך ווייס נישט וואו אנצוהויבן, אפשר קען דער ראש ישיבה מיר מאכן א סדר ווי אזוי און וואס צו לערנען?

אויך וויל איך פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה רעדט זייער שארף אז פרויען דארפן זיך שערן די האר נאך די חתונה, מיין ווייב האט זיך נישט געשוירן ביי די חתונה, זאל איך פארלאנגען זי זאל זיך שערן? עס וועט מיר זיין זייער שווער איך וועל אבער טון וואס דער דער ראש ישיבה וועט הייסן.

אויך דארף איך אן עצה וועגן איינער א אינגערמאן א מנוול וואס האט זיך אנגעטשעפעט אין מיר און וויל טון מיט מיר שמוץ, ער הייסט א וואוילער מענטש און איך האב נישט די שטארקייט אים אוועקצושטופן פון מיר, ווי אזוי ווער איך פטור פון אים?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת דברים, ד׳ מנחם-אב, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**
~~~~~~~~~~~

וואויל איז דיר אז דו שטארקסט זיך מיטן הייליגן רבינ'ס עצות; דער רבי בלאזט אריין און אונזערע עצמות יבשות א פרישע גייסט.

מען ליינט מעשיות פון צדיקים ווי זיי האבן געהאט א כוח מחיה מתים זיין און מענטשן ווילן וויסן פארוואס היינט זעט מען נישט אזעלכע אפענע מופתים;ביים רבי'ן זעט מען די מופתים כסדר, דער רבי נעמט א מענטש וואס איז שוין פון לאנג מיואש, ער דרייט זיך ארום טויט, און איינמאל ער הערט דעם קול פון רבי'ן הייבט ער אן לעבן, דאס איז ממש תחיית המתים.

דו בעסט מיר איך זאל דיר אויסשטעלן א סדר וואס צו לערנען; מיר בעטן ביים דאווענען: "וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ", יעדער מענטש האט זיין חלק אין די תורה, איינעם ציט מער הלכה, איינעם ציט מער אגדה - יעדער איינער האט זיך זיין חלק אין דער תורה. הדבר הראשון זאלסטו יעדן טאג לערנען חומש רש"י מיטן תרגום; זונטאג זאלסטו לערנען ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער. נאכדעם מאך דיר א שיעור אין משניות; דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן אז ער זאל יעדן טאג זאגן ח"י פרקים משניות און ר' נתן האט דאס מקיים געווען זיין גאנץ לעבן, אויך האט דער רבי געזאגט לכמה אנשי שלומינו זיי זאלן זאגן ח"י פרקים משניות יעדן טאג (עיין שיחות הר"ן סימן קפה). מוהרא"ש האט געזאגט אז ווען ער איז אנגעקומען צו דעם שיחה האט ער געטראכט צו זיך: 'איך וויל אויך זיין פון די כמה אנשי שלומינו פאר וועם דער רבי האט געגעבן דעם תיקון'.

נאכדעם זאלסטו זען צו לערנען גמרא יעדן טאג, הייב אן ש"ס מסכת ברכות און גיי כסדרן לכל הפחות א בלאט גמרא יעדן טאג. דער גאון רבי שעפטל א זון פון דעם הייליגן של"ה זכר צדיק לברכה ברענגט אין זיין צוואה (סוף ספר יש נוחלין, דפוס אמשטרדם) אז לערנען גמרא איז א חיוב פארן מענטש אזוי ווי לייגן טלית און תפילין, עיין שם.

אויך זאלסטו דיר מאכן א שיעור אין הלכה; אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יעדער איד איז מחויב צו לערנען יעדן טאג הלכות, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף "שֻׁלְחָן עָרוּךְ" בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אויב מען האט נישט קיין צייט וכו' זאל מען לערנען אן הלכה, אפילו נישט כסדרן וואו מען האלט וכו', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ"שֻׁלְחָן עָרוּךְ" בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", ווייל מען איז מחויב צו לערנען יעדן טאג הלכה.

בענין צי דו זאלסט פארלאנגען פון דיין ווייב זי זאל זיך אפשערן איר האר וכו', נאכדעם וואס נאך די חתונה האסטו נישט געוואלט זי זאל זיך אפשערן, אזוי ווי דו

שרייבסט אז עס איז דיר שווער דאס צו טון, אבער אויב דער ראש ישיבה הייסט וועסטו דאס טון; איך וועל דיר מעתיק זיין א שטיקל זוהר וועסטו שוין אליינס זען די פארלוסטן וואס האר ברענגט און די רווחים צו וואס מען איז זוכה ווען מען נעמט אראפ די האר.

דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען; 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי; 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', און זי איז גורם אז דער סמ"ך מ"ם און די נישט גוטע זאלן זיין ביי איר אין שטוב, 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס". און פארקערט איז נאך מער, א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען וועט האבן אלע ברכות, און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

וואס נאך איז דא צוצולייגן אויף די ווערטער פון דעם הייליגן זוהר...

ביי ערליכע אידן איז מען זייער מקפיד אז די פרוי זאל זיך אינגאנצן אפשערן איר האר, אזוי ארום איז נישט דא קיין שום חשש אז איר האר וועט זיך ארויס זען; א טייל גייען מיט א טיכל, א טייל גייען מיט א שייטל, אבער דער עיקר איז אז מען גייט נישט מיט די אייגענע האר.

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס זענען דא צענדליגער טויזנטער ערליכע פרויען וואס שערן זיך אפ נאך די חתונה און זיי שעמען זיך נישט פון קיינעם; נישט נאר זיי שעמען זיך נישט פון קיינעם, נאר אדרבה, דאס איז זייער שטאלץ און פראכט אז מען פירט זיך בצניעות, און דאס איז די שענסטע זאך פאר אונז אידן; פון וועמען זאלן מיר זיך שעמען מיט אונזער צניעות?

דיין דריטע שאלה פארשטיי איך נישט; וואס איז בכלל דיין שאלה צי דו זאלסט האבן שייכות מיט א מניוול, לאז דיך אפ פון דעם איש טמא און גיי נישט אריין צו יענעם אין בית המדרש. ווי איז פארן דור אז עס דרייען זיך ארום קראנקע מענטשן וואס זענען מטמא קינדער וכו' מיט מעשי תועבה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~